STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03006

IKH ZING UN DERTSEYL

Hyman Klurfeld

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים קלורפעלד

איך זינג און דערצייל

אַרויסגעגעבן פון דעם
חיים קלורפעלד בוך-קאָמיטעט
ניו-יאָרק, נ. י.



לזכרון

חיים קלורפעלד איז אַוועק פון דער וועלט דעם 19טן אַפּריל, 1955.

זיין פּלוצעמדיקער טויט האָט זיין פאַמיליע, נאָענטע און פריינד אַריינגעוואָרפן אין אַ טיפן טרויער.

לאַנג, לאַנג וועט זיין אָנדענק בלייבן אין זכרון ביי זיינע צענדלינגע פריינד און פאַרערער.

מיר, זיינע פריינד, האָבן זיך זייט אַ לענגערע צייט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צונויפצוזאַמלען זיינע שאַפונגען וואָס האָבן זיך אָפּט געדרוקט אין דעם „קרומען שפּיגל" פונעם טאָג און אין דעם חודשלעכן אָרגאַן געוועזעניקייט, (פון דער א.ל.ג.וו.יו.) אַרויסגעגעבן זיי אין בוכפאָרם און אים צוטראָגן אַ באמת פאַרדינטע מתנה.

קיין פינאַנסיעלע שוועריקייטן דאָס צו טאָן האָבן מיר געוואוסט וועט ניט זיין, — אין דעם האָבן מיר זיך איצט איבערצייגט. אָבער מיר האָבן געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט. ווייזט אויס אַז מיר האָבן געוואַרט צו לאַנג. ער איז פון אונדז אַזוי פּריצייטיק אַוועקגעריסן געוואָרן.

צוטרעטנדיק איצט אַרויסצוגעבן די זאַמלונג לידער און דערציילונגען, פילן מיר אַז חיים קלורפעלד וואָלט מסתמא געמאַכט אַן אַנדער אָפּקלייב פון זיינע לידער און דערציילונגען; אַז ער וואָלט אַ סך פון זיינע יוגנטלעכע שאַפונגען איבערגערעדאַקטירט; ער וואָלט געשליפן דעם סטיל, געענדערט דאָ און דאָרט אַ שורה, אַ גראַם, אַ וואָרט און געבראַכט די זאַמלונג צו אַ העכערער ליטעראַרישער מדרגה.

חיים קלורפעלד האָט הנאה געהאַט צו שרייבן. ער האָט ליב געהאַט און געצערטלט דאָס יידישע וואָרט. ער האָט זיך געשפּילט מיט דעם. געשליפן, געשריבן און איבערגעשריבן יעדער וואָרט, יעדער שורה וואָס ער האָט גענוצט אין אַ ליד, צי אין אַ דערציילונג פון שאַפ־לעבן, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ היפּש ביסל יאָרן.

און כאָטש ער האָט זיין יעדע פרייע מינוט אַוועקגעגעבן דער

דיכטונג, האָט ער געפונען גענוג צייט און כוח זיך אָפּצוגעבן מיט וויכטיקער און ניצלעכער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געווען אַ באַוועגונגס־מענטש אין שענסטן זינען פון וואָרט. ער האָט גע־שאַפן אַרום זיך אַ קרייז חברים וואָס האָבן זיך צו אים צוגעהערט און נאָכגעפאָלגט זיין ביישפּיל.

ער איז ניט געווען קיין מענטש מיט שפּיציקע עלנבויגנס. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געשטופּט אויבנאָן. ער איז געווען אַ שטילער, באַשיידענער מענטש. ער איז אַלע מאָל געווען גרייט צו טאָן אפילו סיזיש־שווערע אַרבעט, ווי צו צוגרייטן אַן עונג־שבת אָדער אַן אַנדער יום־טוב אין דער שלום עליכם־שול 45, וואו ער איז יאָרן־לאַנג געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד.

ער איז שטענדיק געווען גרייט איבערצולאָזן זיין פרוי אַליין אין דעם קליינעם געשעפט, אַוועקלויפן אין מיטן טאָג צונויפשטעלן טישן, שלעפן און אויסשטעלן שווערע בענק, באַדעקן די טישן מיט ריינע, ווייסע טישטעכער און מאַכן שבת־יום־טובדיק אין שול.

און אויב אים איז נאָך דערצו געלונגען צוצוגרייטן אַ פּאַסיק ליד, וואָס איז אָפט געווען געווידמעט אַ חבר צו אַ יידישן יום־טוב, איז ער געווען דער גליקלעכסטער מענטש. און ווען זיינס אַ ליד איז דעם עולם געפעלן געווען, האָט אַ ליכטיקער שמייכל באַשיינט זיין גוטן, מילדן פּנים.

ער האָט אָפט אַוועקגעגעבן אַ סך מי און צייט ווען עס איז פאָרגעקומען אַ געווערקשאַפטן־קאַמפּאַניע. ער איז געווען איבער גליקלעך, יעדן מאָל ווען אים איז געלונגען צו שאַפן עטלעכע הונ־דערט דאָלער פאַרן הסתדרות.

די שלום עליכם־שול 45 איז ביי אים געווען דאָס אויבערשטע פון שטייסל. זיין גאַנצע צייט, כוחות און פעאיקייטן האָט ער אַוועקגעגעבן דער שול, וואו, אגב, זיינע צוויי קינדער האָבן זיך געלערנט. מיט זיין געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט האָט ער אינספּירירט די טוער פון דער שלום עליכם־שול 45.

סיי ווען ער האָט געאַרבעט אין שאַפּ, ווי אַ פּרעסער, סיי ווען ער איז שפּעטער געווען פאַרנומען אין זיין קליינעם געשעפט, פלעגט ער זיך אַוועקרייסן און טאָן זיינע געזעלשאַפטלעכע התחיבותן, וועלכע ער האָט אָפּגעהיט, ווי אַ פרומער ייד דעם דאַווענען יעדן טאָג. און אין זיין גרויסער פאַרנומענקייט פלעגט ער אַריינכאַפּן און

פאַרפאַסן אַ ליד, אָנשרייבן אַ דערציילונג פון שאַפ־לעבן. און אַז זיינס אַ ליד, צי אַ דערציילונג פלעגט דערזען די ליכטיקע וועלט, איז ער דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַן אויפגעלויכטענער, אַ שמייכלענדיקער, ווי ער וואָלט נאָרוואָס באַקומען דאָס גרויסע געווינס.

אַזוי איז ער געווען ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן. רירעוודיק, שעפעריש, פול מיט גלויבן אין אַ בעסערער וועלט. ער איז געווען איבער אַלץ אַ געטרייער חבר, און אַן איבערגעגעבענער פאַמיליע־מאַן.

ער איז געווען אַ גאַנצער ייד, אַן אינטערעסאַנטער, פילזייטי־קער מענטש וואָס האָט געלעבט אַ נוצלעך, ערלעך לעבן.

כבוד זיין אָנדענק!

יעקב האַלץ

אַ דאַנק

מיר ווילן דאָ אויסדריקן אַנערקענונג און אַ דאַנק צו אַ צאָל חברים און פריינד וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם די זאַמלונג לידער און דער־ציילונגען פון אונדזער באַליבטן פריינד חיים קלור־פעלד, ע״ה.

אַ באַזונדערן דאַנק ווילן מיר אויסדריקן צו די חברים און טוער פון דער שלום־עליכם־פאָלקס־שול 45 אין די בראָנקס, און דער חשובער לערערין אסתר קאַדער.

זאָל דאָ אויך פאַראייביקט ווערן דער נאָמען „משפחה אריה", דער פאַמיליען־קרייז, וואָס האָט אַ סך געהאָלפן ביים צוגרייטן און אַרויסגעבן דעם בוך.

דער חיים קלורפעלד בוך־קאָמיטעט:

אשר קאַלינסקי	פייוול ליולקין
הערשל בעלזער	מאיר שיינער
יהושע ענטלמאַן	יעקב האַלץ, סעקרעטאַר
אַלטער שוואַרצמאַן	

עטלעכע ביאָגראַפישע נאָטיצן

חיים קלורפעלד איז געבוירן געוואָרן דעם 27סטן סעפּ. 1899.

קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין יאָר 1920. געלאַנדעט אין ניו־יאָרק.

מיט זיין ווייב לאה האָט ער חתונה געהאַט אין יאָר 1922.

אין 1934 פאָרט ער זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל און ער ברענגט אַהין זיין פאַמיליע, אָבער אין יאָר 1936 פאַרלאָזט ער ארץ־ישראל און קומט צוריק קיין ניו־יאָרק.

געשטאָרבן דעם 19טן אַפּריל, 1955.

ער האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב לאה, אַ זון ראובן, אַ טאָכטער זלאַטע און צוויי אייניקלעך פון דער טאָכטער, רחמיאל־שמואל און חנה־לאה, און אין ישראל זיין פאָטער אברהם און מוטער ריסל, צוויי ברידער, מאיר און אָשר און דריי שוועסטער מרים, לאה און רבקה.

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט / ייִוואָ
535-531 וועסט 123סטע גאַס, ניו-יאָרק

אויסצייכענונג

הײמאַן קלאָרפֿעלד פֿון בראָנקס, נ״י

האָט אַנטײלגענומען אין דעם קאָנקורס פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט: „פֿאַר וואָס בין איך אַוועק פֿון דער אַלטער היים און וואָס האָב איך דערגרייכט אין אַמעריקע" און צוגעשיקט אַ באַשרײַבונג אויף דער דאָזיקער טעמע. די זשורי פֿון קאָנקורס האָט באַשלאָסן אויסצוצייכענען די באַשרײַבונג ווי אַ דאָקומענט וואָס ברענגט וויכטיקן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין דער נײַסטער צײַט. די באַשרײַבונג איז אַרײַן אויף שטענדיק אין דעם פֿאָנד וויסנשאַפֿטלעכע מאַטעריאַלן פֿון ייִוואָ און וועט אויסגענוצט ווערן דורך היסטאָריקערס און סאָציאַל-פּסיכאָלאָגן פֿאַר פֿאָרשאַרבעטן און פּובליקאַציעס.

דער ייִוואָ דריקט אויס דעם מחבר פֿון דער באַשרײַבונג דאַנק און אָנערקענונג פֿאַר זײַן צושטײַער צו דער ייִדישער וויסנשאַפֿט.

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט

ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 1943

פּרעזידענט | עקזעקוטיוו-סעקרעטאַר | סעקרעטאַר פֿון קאָנקורס | וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר

פאַרוואָס איך בין אַוועק פון דער אַלטער היים און וואָס איך האָב דערגרייכט אין אַמעריקע*)

איך בין געבוירן געוואָרן מיט 43 יאָר צוריק אין אַ קליין שטעטל אין פוילן ביי עלטערן וואָס האָבן עמיגרירט פון אוקראַינע.

מיין טאַטע, איז געווען אַ ייד אַ משכיל, וואָס האָט שטענדיק געלייענט. איך געדענק ניט מיין טאַטן אָן אַ ספר, זשורנאַל אָדער בלאַט־צייטונג. ער איז געווען אַ ציוניסט, וועמעס איינציקער ציל איז געווען ארץ־ישראל וואו ער געפינט זיך איצט מיט מיין מאַמען און די איבעריקע פינף פאַרהייראַטע קינדער. וועגן מיין טאַטן וואָלט איך געקענט שרייבן און שרייבן. אַן אמתער זון פון דעם עם־הספר, וואָס האָט יעדן גראָשן געשפּאָרט פאַר ביכער, מערסטנס אין העברעאיש. און כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין סיסטעמאַטישע בילדונג, — ער איז געווען אַ בית־מדרש־בחורל ביז צו דער חתונה — האָט ער זיך שטענדיק געלערנט און געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט.

ער איז געווען די ערלעכקייט אַליין, ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין סוחר, מסחר האָט ביי אים געהייסן שווינדל, — איז ער געפאָרן קיין פוילן און זיך גענומען צו אַ מלאכה, ביי וועלכער ער איז פאַר־בליבן ביזן היינטיקן טאָג. אפילו אין פּאַלעסטינע ארבעט ער נאָך איצט ביי זיין פאַך. זיין ארבעט האָט צופיל מזל־ברכה ניט געבראַכט, דערפאַר האָט מיין מאַמע, וועלכע האָט זיך אין די יונגע יאָרן גע־

---

*) די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפיע האָט היימאַן (חיים) קלורפעלד, ע״ה, געשריבן פאַרן אויטאָביאָגראַפיע־קאָנטעסט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ, אין יאָר 1942. מיר דרוקן דאָ איבער אַ טייל פון דער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפיע מיט דער דערלויבעניש פון ייוואָ.

רעכנט צווישן די אינטעליגענטערע מיידלעך, אים אַרויסגעהאָלפֿן ביז מיר זיינען אונטערגעוואַקסן.

דעם טאַטן האָבן אַלע ליב געהאַט, שוין אָפּגערעדט פֿון דער מאַמען. מיר קינדער, האָבן אים און איר פֿאַרגעטערט. ווען איך בין געווען קליין, האָב איך געפֿילט אַז מיין טאַטע, איז דער אמתער ייד און דער אמתער מענטש. אַ הויכער מיט אַ שיינער בלאָנדער באָרד, וואָס וואָלט זיך גערן אָנגעטאָן מאָדערנע קליידער, נאָר צוליב די שכנים און קרובים אין דעם קליינעם שטעטל האָט ער עס ניט געטאָן, ער האָט זיך גערעכנט מיט די געפֿילן פֿון זיינע מיטמענטשן. ער האָט געהאַט אַ סך פֿאַרערער וואָס פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען אין אונדזער הויז און דעבאַטירן וועגן זאַכן וואָס זיינען מיר דעמאָלט, אַלס אַ יינגל, ניט געווען פֿאַרשטענדלעך געווען. און מאָדנע, עס האָבן זיך געחברט מיט מיין טאַטן סאַמע יונגעלייט, און ווי איך פֿאַרשטיי איצט, ציוניסטן, אַ סך פֿון זיי זיינען איצט אין ארץ־ישראל. מיינע עלטערן זיינען אַלע מאָל געווען אָרעם. מיין טאַטן איז ניט געפֿעלן געווען דער חדר וואו מיר קינדער האָבן זיך געלערנט, האָט ער צו די עלטערע פֿיר קינ־דער גענומען אַ העברעאישן לערער, וואָס האָט מיט אונדז אויך גע־לערנט וועלטלעכע געגנשטאַנדן.

דעם אַלט־מאָדישן חדר געדענק איך ניט גענוי, ווייל איך בין כמעט ניט געגאַנגען אַהין, אָבער דאָס לערנען מיט דעם לערער גע־דענק איך זייער גוט. זייענדיק נאָך ניט קיין עלף יאָר, האָב איך שוין געמוזט אַרויסהעלפֿן אין פֿאַבריק, און אויף דער נאַכט, אַ מידער, בין איך געזעסן די עטלעכע שטונדן און געלערנט ביי דעם העברעאישן לערער. און ווי שלעפּעריק איך בין ניט געווען, פֿלעג איך הנאה האָבן פֿון די לימודים.

די פֿאַבריק וואו איך פֿלעג אַרויסהעלפֿן מיין טאַטן איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גאָרטן אין וועלכן עס זיינען געוואַקסן פֿאַרשיי־דענע פֿרוכטן. אַ וואָסער אַ שיינס האָט דאָרטן גערונען, און די קינ־דער פֿון אונדזער באַלעבאָס האָבן זיך דאָרטן געשפּילט, בשעת איך האָב געשוויצט אין פֿאַבריק אַרויסהעלפֿנדיק מיין טאַטן. שוין דאַן האָב איך געוואוסט אַז מיין טאַטע איז גערעכט, אַז מיר לעבן אין אַן אומגערעכטער וועלט און נאָר אין ארץ־ישראל וועלן מיר קענען דאָס אַלעם ענדערן צום בעסערן.

מיין מאַמע, אַ שיינע, הויכע ברונעטקע, וואָס האָט געטראָגן,

צוליב קרובים, אַ שייטל, און וואָס זי האָט עס טאַקע שפּעטער אָוועק־געוואָרפן, — האָט געהאַט אַ שיינעם קאָפּ שוואַרצע האָר און האָט זיך געהאַלטן אַזוי נעט און ריין, אַז זי האָט אַרויסגעשיינט פון אונדזער אָרעמקייט.

די מאַמע האָט אַלע מאָל אַרויסגעהאָלפן אין דער פּרנסה. זי האָט געוויינטלעך מיט עפּעס צוגעהאַנדלט. און ביזן הייִנטיקן טאָג, אין ארץ־ישראל, האָט זי אַ געשטעל מיט סחורה און זי און דער טאַטע דערנערן זיך ביידע און דאַרפן ניט אָנקומען צו קינדער.

איך דערמאָן זיך אָפט אין די גוטע טעג פון די קינדער־יאָרן. דאָס זיינען געווען די שבתים און יום־טובים. אין הויז ביי אונדז זיינען געפייערט געוואָרן אַלע ייִדישע יום־טובים וואָס דער טאַטע האָט זיי דורכגעפירט מיט התלהבות, ווי סוכות און גאָר ספּעציעל פּסח. מיר פלעגן אַלע זאָגן די הגדה און פאַרענדיקן מיט ציוניסטישע לידער. און ווען ביי לייטן איז מען שוין לאַנג געשלאָפן, האָט מען נאָך ביי אונדז געזונגען. עס איז ניט קיין וואונדער וואָס שטענדיק האָבן מיר געהאַט געסט צום סדר.

און סוכות, זיינען מיר געווען פאַרנומען מיט העלפן בויען די שותּפותדיקע סוכה, מיט טראָגן ברעטלעך, נעגל און סכך. אויספּוצן די סוכה איז געווען אונדזער ספּעציאַליטעט, אויסצושניידן פון קאָלירטע פּאַפּיר פאַרשיידענע צאַצקעס און ספּעציעל מגן־דודים.

אין די זומערדיקע שבתים, בשעת די גאַנצע שטאָט יידן פלעגן געשמאַק שלאָפן נאָך דעם טשאָלנט, פלעגן מיר די גאַנצע פאַמיליע, שפּאַצירן הינטערן שטאָט אין פעלד, אין וואַלד, צי ביים וואַסער. דער טאַטע פלעגט דאַן אונדז קינדער באַקענען מיט דעם וואָס אונדז האָט אינטערעסירט. איך וועל אַלע מאָל געדענקען ווי ער האָט אונדז דערציילט דעם ערשטן מאָל די נייעם וועגן ראַדיאָ און אַז מיר וועלן אַ מאָל הערן קאָנצערטן פון דער וואַנט. מען וועט נאָר דאַרפן דריקן אַ קנעפּל, ווי ביי עלעקטריע.

כאָטש ביי אונדז אין הויז איז ייִדישקייט יאָ אָפּגעהיט געוואָרן, האָט די שטאָט געוואוסט אַז ביי אונדז איז „פריי". אַז מיר פלעגן קריגן געסט פון לאָדז, פלעגן זיי זיך דערלויבן צו רויכערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת. די מאַמע פלעגט פאַרקייטלען די טיר און מאַכן טיי, און דער טאַטע האָט זיך געמאַכט באַקוועם און אויסגעטאָן דאָס פוילישע היטעלע.

איינע פון די שטאַרקסטע איבערלעבונגען אין מיין לעבן איז געווען דאָס אָוועקפאָרן פון מיין 17־יאָריקער שוועסטער און 15־יאָריקן ברודער קיין ארץ־ישראל אין 1913, ווען איך בין קוים געווען 13 יאָר. עס האָט זיך געדרעשט אין אונדזערע קרייזן: „אַזעלכע יונגע קינדער!" עס זיינען געקומען אַ סך געסט זיך געזעגענען, מיטשיקן אַ גרוס. דער טאַטע, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געבענקט קיין ארץ־ישראל און ניט געקענט פאָרן צוליב דער גרויסער משפחה, צוליב די פינף קינדער פאַר וועמען ער האָט געדאַרפט זאָרגן, האָט קוים זיך דערוואַרט די קינדער זאָלן אונטערוואַקסן און זיי זאָלן אויסטרעטן דעם וועג פאַר אַלע.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך, דער דריטער, אויך געוואָלט מיט זיי מיטפאָרן. אָבער די מאַמע האָט ניט דערלאָזט. ניט דערפאַר ווייל איך בין געווען צו יונג, חלילה, נאָר פשוט ווייל איך בין געווען זייער אַ שלעכטער און מיט דער שוועסטער ניט געקענט דורכקומען. דער טאַטע האָט גראָד געזאָגט אַז אין דער פרעמד וועל איך זיך „אויסמענטשלען", אָבער די מאַמע האָט אין די זאַכן געהאַט די אויבערהאַנט. אין אַלגעמיין איז די מאַמע געווען די באַלעבאָסטע איבער די קינדער. אַז מען האָט געדאַרפט האָט זי אָנגעפּאַטשט אַ קינד, אָבער דער טאַטע — קיין מאָל ניט. ער איז כמעט קיין מאָל ניט געוואָרן אין כעס. די עלטערן האָבן זיך קיין מאָל ניט איבערגערעדט אָדער צעקריגט.

אַז די שוועסטער און דער ברודער זיינען געקומען אין ארץ־ישראל און מיר האָבן געקראָגן די ערשטע בריוו, האָבן מיר געמאַכט אַ פריילעכן שבת, אָבער טאַקע אויף דעם אמת־חלוציש שטייגער. איך פלעג לייענען זייערע בריוו נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, און עפּעס געפילט אַ באַזונדערן טעם. ווער שמועסט אַז די שוועסטער האָט אַריינגעלייגט אַ בלעטל אָדער בלום, האָב איך געפילט אַזאַ בענקשאַפט נאָך דעם אָרט פון וואַנען עס איז געקומען, און געהאָפט אַז מען וועט מיך אויך לאָזן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

און מאַלד האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. פון פאָרן איז געווען אָפּגערעדט. קיין בריוו זיינען מער פון ארץ־ישראל ניט געקומען. ציַיטן זיינען געוואָרן ערגער אין שטאָט, אין הויז. עס איז ניט געווען וואָס צו אַרבעטן. איך האָב זיך פאַרשריבן ביי די דייטשישע אָקו־

פאַנטן צו פֿאָרן צו זיי אַרבעטן. נאָך ניט קיין 15 יאָר אַלט, אָבער הויך און שטאַרק, האָבן זיי מיך געשיקט גראָבן אָקאָפּעס ביים פראָנט. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אָבער עס האָט געשמעקט מיט ערד, מיט גראָבן, מיט אַן אויסזיכט אויף דער צוקונפט. היינט, דער געדאַנק אַז איך בין שוין אַ מענטש פאַר זיך, פאַרדין פאַר זיך צום עסן, און שפּאָר נאָך אויף אַ פּאָר שיך. מיט דעם געדאַנק האָב איך דערווייל זיך צוגעוואוינט צו שווערע, פיזישע אַרבעט, כאָטש איין גאָט ווייסט ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען די ערשטע צייט. מיינע הענט מיט בלאָטערן, מיד און צעבראָכן פלעג איך ניט קיין כוח האָבן רעכט אָפּצווּעסן און באַלד איינשלאָפן. ווער האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן עפּעס גייסטיקעס, וועגן לייענען, וועגן שרייבן.

אַ שטיק צייט האָב איך דאָרטן געאַרבעט, אָבער עס האָט זיך געענדיקט די אַרבעט און עס איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז מיר קענען גיין וואו מיר ווילן. האָב איך באַשלאָסן צו זוכן אַרבעט, און ווייל דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ סך סעדער וואָס יידן פלעגן זיי דינגען פאַרן זומער, בין איך געוואָרן אַ וועכטער אין איינעם פון די סעדער. די אַרבעט איז ניט געווען קיין שווערע: היטן און העלפן קלייבן די פרוכט.

אָבער דאָס שלאָפן אין בודע צוזאַמען מיטן באַלעבאָס און זיין הויזגעזינד איז מיר אָנגעקומען שווער. איך האָב פיל מאָל אונטער־געגנעבכטיקט אויף דער הוילער באַנק אין שטיבל אין מיטן גאָרטן. טייל מאָל האָב איך מורא געהאַט צו שלאָפן אַליין. יעדער קלענסטער רויש פון די ביימער האָט מיך אויפגעוועקט. אַזוי בין איך אַ פאַר־האַרטעוועטער אַהיימגעקומען נאָך יום־טובים, ווען די פרוכט פון סאַד איז שוין געווען אַרונטערגענומען.

די אויפנאַמע אין דער היים איז געווען אַ האַרציקע, פאָרט נאָך קיין מאָל ניט געווען אַוועק. איך האָב באַשלאָסן אַז איך לאָז זיך ווייטער וואַנדערן, אפשר וועט מיר געלינגען צו דערגרייכן ארץ־ישראל, וואוהין איך האָב געבענקט.

מיין מאַמען איז דער פּלאַן ניט געפעלן. זי האָט מיך באַקענט מיט אַ נייעם סאָרט מסחר, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל און די שטעטלעך אַרום פירן אָן. זיי קויפן אָפּ פאַרשיידענע פּראָדוקטן ביי די פויערים און סוחרים, און פירן עס מיטן טראַמוויי אָדער באַן אין די גרויסע

שטעט. טייל מענטשן זיינען ממש רייך געוואָרן, אָבער די מערסטע האָבן געהאַט בלויז אַ שטיקל פּרנסה דערפֿון.

עס זיינען אויפגעניים געוואָרן פון לייוונט טאָרבעלעך, אין וועלכע מען האָט אַריינגעשאָטן די פּראָדוקטן, אַרומגעבונדן די טאָרבעלעך אַרום דעם קערפּער און עס אָוועקגעפירט אין די גרויסע שטעט, און פון דעם פּאַרדינט צום לעבן. מיר איז דער פּלאַן ניט געווען צום הארצן, און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, אָבער מיין מאַמעס בעטן האָט געהאָלפן איך זאָל פונדעסטוועגן פּרוואוון.

ווי איך האָב געפילט ווען מען האָט מיך פאַרפּוצט אין די טאָרבעלעך, האָט געמוזט זיך אָנזען אויף מיין פּנים, ווייל אין מיטן וועג האָט מיך אַ דעטעקטיוו אַרונטערגענומען פון טראַמוויי און מיך אָוועקגעפירט אין פּאָליציי-סטאַנציע און ביי מיר צוגענומען די פּראָדוקטן מיט די טאָרבעלעך און מיך באַפרייט. איך בין ווייטער אָוועקגעפאָרן אין דער ריכטונג צו אוקראַינע וואו מיר האָבן געהאַט נאָענטע קרובים. אפשר, האָב איך גערעכנט, וועל איך זיך קענען דערשלאָגן קיין אָדעס און קריגן אַ שיף און דערגרייכן מיין ציל.

אָנגעגורט מיט צייגענישן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיט אַ סך האָפענונגען בין איך אַוועק אין וועג. דער וועג איז געווען אַ שווערער, די קאָמוניקאַציע-מיטלען — מלחמהדיקע. עס האָט מיר גענומען וואָכן און וואָכן, וואָס געוויינטלעך נעמט עס צוויי טעג. איך האָב געדאַרפט גנבענען גרענעצן. ענדלעך האָב איך דערגרייכט דינעוויל, אין פּאָדאָליע, דאָס שטעטל פון וואַנען מיין טאַטע שטאַמט. די אויפנאַמע דאָרטן איז געווען אמת משפּחהדיק. מען האָט זיך פּשוט געריסן איבער מיר. איך בין שוין דעמאָלט אַלט געווען 18 יאָר. די אויסזיכטן צו דערשלאָגן זיך קיין אָדעס זיינען געווען שוואַכע. האָב איך אויסגעדרייט דעם דישעל און אַוועק אַהיים. די רייזע אַהיים איז אויך געווען פּונקט אַזוי שווער און האָט נאָך גענומען לענגער.

אין דער היים האָב איך געטראָפן אַ נייע באַוועגונג: „חלוצים”. מיט דער גרופּע האָב איך און מיין יינגערער ברודער זיך געלאָזט דורך קראָקע, קיין ארץ-ישראל. איך בין געווען דער איינציקער פון דער גאַנצער גרופּע וואָס איז פאַרהאַלטן געוואָרן צוליב פאָרמאַליטעטן פון פּאַס און כ'האָב זיך געמוזט אומקערן. מיינע יסורים זיינען געווען

זייער גרוים. אין צווישן בין איך געראָפן געוואָרן אין פּוילישן מי־ליטער. דאָס איז מיר זייער ניט געווען צום האַרצן. די שטיינער וואָס די פּוילישע יינגלעך פלעגן וואַרפן אויף אונדז זייַנען מיר נאָך געלעגן אין טעם, און איך האָב באַשלאָסן ניט צו זיין קיין פּוילישער זעלנער. איך האָב געגנבעט די גרענעץ קיין דייטשלאַנד, וואו עס האָבן זיך שוין געפונען אַ סך פון אונדזער שטעטל. דאָרט האָב איך געפונען אַרבעט. דאָס גנבענען די גרענעץ איז געווען ווי ביי יעדן יידן: מען האָט אונדז געכאַפּט, געזעסן אין אַ קאַמער, געשלאָפן אויף שטרוי, דערנאָך באַפרייט געוואָרן. אַ שיכורער גוי פירט אונדז. ער איז דאָס דער „גרענעץ־שוואַרצער", כאָטש געעמען דאָס געלט האָט אַ צווייטער. מיר גייען אין קאָרן, ס'האָוקען הינט, ער טראָגט אונדז אַריבער אַ קליין טייכל און זאָגט אַז דאָס איז דייטשלאַנד. די וואַך כאַפּט אונדז, הייסט אונדז גיין צוריק. מיר זאָגן צו. דערווייל גייען מיר אַריין עפּעס עסן. עס זוכט זיך אָפּ אַ דייטש, וואָס פאַר געלט וועט ער אונדז פירן צו אַ באַן־סטאַנציע. מיר פאָרן אויף אַ פור. ער נעמט ביי אונדז דאָס געלט און לאָזט אונדז אין מיטן פעלד. ענדלעך דערגרייכן מיר אַ קליינע סטאַנציע און אַזוי קומען מיר קיין דייטש־לאַנד.

אין דייטשלאַנד האָב איך געאַרבעט אויפן לאַנד, אין אַ טאַרטאַק און לעצטנס אין איינע פון די גרעסטע שטאָל־פאַבריקן. דורכן פאַר־ווערטס זוך איך אויף מיינע קרובים אין אַמעריקע, וועלכע העלפן מיר אַרוים. מיר שרייבן זיך דורך און זיי זאָגן מיר צו שיקן געלט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דערווייל גנבע איך די גרענעץ דורך בעלגיע קיין פּאַריז, — די גרינגסטע גרענעץ גנבענען אין יענע צייטן, אַבי מען האָט נאָר געהאַט געלט. דאָרטן אַרבעט איך אין אַ קליינער פאַ־בריק פון רעגנמאַנטלען, פאַרדין ווייניק, אָבער מיט דער שטיצע פון אַמעריקע קום איך דורך אַ יאָר און אַ האַלב.

לויט די פאַרשטענדיקונגען מיט מיינע קרובים גרייט איך זיך צו אַ פּאַס מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ענדלעך קומט מיר אָן פון אַמעריקע אַ שיפסקאַרטע טאַקע קיין אַמעריקע און ניט קיין ארץ־ישראל. און איך פאָר קיין אַמעריקע.

אין מאַי 1920, קום איך אָן אַהער אין לאַנד. עס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן די געפילן פון אַ וואַנדערנדיקן יידן וואָס האָט געשוואַרצט

אזוי פיל גרענעצן און דורכגעגאַנגען אַזוי פיל פּיינען. אַ ציטער איז דורך מיין לייב, ווען איך האָב דערזען דעם אַמעריקאַנער באָדן. ענדלעך אָנגעקומען אין אַ גוט און פריי לאַנד! און כאָטש מיינע צוגרייטונגען זיינען געווען פאַר ארץ-ישראל האָב איך אינסטינקטיוו געפילט, אַז דער אויסבייט איז ניט אין גאַנצן קיין שלעכטער. אַז עפּעס גוטס וועט אַרויס פון דעם. און טאַקע שפּעטער איז מיר געלונגען אַריבערצונעמען מיין גאַנצע משפּחה קיין ארץ-ישראל, וואָס איך וויים ניט צי זיי וואָלט עס געלונגען אָן מיין מאַטעריעלער הילף.

מיינע ערשטע טעג אין אַמעריקע זיינען געווען אַן איבערפלוס פון גליק, צופיל פון אַלעם. ניט געוואוינט געווען צו אַזוי פיל. אַזוי פיל פרייהייט, אַזוי פיל ליבע פון אַלע, שוין אָפּגערעדט פון קרובים. גיי וויים אַז אין אַמעריקע איז גוט! ס'איז געווען גוט צו זיין דער ערשטער פון די אַריבערגעקומענע קרובים. די קוזינס וואָס האָבן מיך אַריבערגעבראַכט זיינען געווען קליינע געשעפטסלייט. זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ געשעפטסמאַן פון מיר. דאָס איז מיר גראָד געפעלן געוואָרן. זיי איז אָבער ניט געפעלן געוואָרן, וואָס אין די ווינטערחדשים האָב איך געוואָלט גיין אין אַן אָוונטשול כדי צו לערנען די לאַנדשפּראַך. איך האָב זיי פאַרלאָזן און געוואָרן אַ פּרעסער פון קליידלעך. און דאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען מיין אַמעריקאַניש לעבן. כאָטש אַ יוניאָן-מאַן האָט נאָך דאַן געאַרבעט 44 שעה אַ וואָך, און אַ מאָל אַ ביסל אָווערטאַים, האָב איך אָבער געהאַט גענוג צייט צו נעמען אָוונט-קורסן. כאָטש עס איז געווען שווער, האָב איך דאָך עפּעס גענאַשט, אָבער טאַקע נאָר עפּעס. איך האָב זיך אויך פאַרשריבן אויף העברעאישע לערער-קורסן אויף ריווינגטאָן סטריט. געוואָלט אָנהאַלטן דעם פאָדעם פון אַמאָל, אָבער עס איז מיר ניט געלונגען. יידיש האָט מיך פאַרכאַפּט.

איך האָב דאָ געטראָפן יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו זיי. אין צווישן האָב איך זיך באַלד באַקאַנט מיט אַ מיידל, אַן אייגענע גראָד, וועמען איך האָב פריער ניט געקענט. מיר האָבן זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט.

די פרוי מיינע, אַ יידישע אויף אַזוי פיל אויף וויפל די מאַמע אירע איז געווען אַ פרומע מיט אַלע פּיטשעווקעס, האָט נאָר געוואוסט פון דער אַמעריקאַנער יידישקייט פון בענטשן ליכט און כשר פלייש. איך האָב צו ביסלעך אָנגעפאַנגען מיט איר צו גיין אין אמת-יידישע

קרייזן. דאָס האָט געמיינט יידיש טעאַטער, קאָנצערטן און פאַר־זאַמלונגען. אין אָנפאַנג איז עס פאַר מיין ווייב געווען שווערלעך. זי האָט דאָ דורכגעמאַכט סקול און האָט זייער וויניק באַנוצט די יידישע שפּראַך, דערפאַר אפשר האָט זי אויך ניט געקענט פאַרשטיין דאָס טעאַטער, ווי איך צום ביישפּיל, אָבער צו ביסלעך האָט זי זיך צוגע־וואוינט.

צום אמתן יידישן לעבן האָבן מיר דערגרייכט דאָ אין אַמערי־קע ערשט דאַן ווען אונדזער טאָכטער איז געוואָרן זעקס יאָר אַלט. איך האָב פאַר איר געזוכט און געפונען אַ קינדער־שול. אַ יידישע שול. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקענונג מיט די אמתע פאַר מיר יידן — די יידישע שול־יידן — די אַרבעטער־רינג און שלום עליכם־שולן. ביז דאַן האָב איך גאַרניט געוואוסט אַז עס זיינען דאָ אין אַמעריקע אַזעלכע טייערע יידן. יידן וועגן וועמען איך דענק, אַז זיי זיינען די בעסטע אין אַמעריקע. איך האָב אין אָנפאַנג געקענט יידן פון דער יוניאָן, אָבער פרעמדע. איך האָב געקענט — יידן פון דער סאָסייעטי וואו איך האָב באַלאַנגט און וואו איך בין אויך געוואָרן דער סעקרע־טאַר. אָבער קאַלטע יידן, פרעמדע, וואָס כאָטש זיי גייען אַפט אין שול דאַווענען, זיינען זיי מיר אָבער געווען פרעמד, עפּעס ניט דאָס.

פאַר די לעצטע 13 יאָר האָב איך אויך הנאה געהאַט פון מיין גייסטיקן לעבן אין אַמעריקע, ניט בלויז פון דעם עקאָנאָמישן. מיין לעבן און דאָס לעבן פון מיין פרוי און מיינע צוויי קינדער איז געוואָרן אינטערעסאַנטער. די טאָכטער וואָס איז שוין איצט אין לעצטן יאָר אוניווערסיטעט, איז באַקענט מיט דעם יידישן לעבן, האָט דורכגע־מאַכט יידישע שולן, קען און פילט יידיש. דער בחור פון 12 יאָר גייט אין אַ שלום־עליכם־שול.

די גאַנצע צייט אין אַמעריקע זיינען פּרנסה־ענינים ניט געווען אַזוי פריילעך. טיילמאָל איז זייער שלעכט געווען אין דער דרעס־אינדוסטריע. איך האָב געמוזט דעם פאַך פאַרלאָזן. טיילמאָל געאַר־בעט ביי עפּעס אַנדערש, טיילמאָל געטאָן קליין־מסחר, געהאַט אַ קליי־נעם רעסטאָראַן, אַ געזאָלין־סטאַנציע אין אַ קליין שטעטל, אָבער אָפט צוריקגעקומען צום פרעס־אייזן.

די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין אַמעריקע בין איך געווען פאַר־בונדן שריפטלעך מיט מיין משפּחה אין ארץ־ישראל און אין פּוילן, וועמען איך האָב פון צייט צו צייט געשיקט הילף. די גאַנצע צייט

האָט ביי מיר געטליעט אַ פונק פון האָפענונג צו קומען אַהין, קיין ארץ־ישראל, ספּעציעל אין די צייטן, ווען עס איז אונדז געווען דאָ שלעכט. אָבער אין יענער צייט איז עס געווען בלויז אַ חלום, ווייל ניט איך האָב געקענט, ניט מיין פרוי האָט געוואָלט פאָרן, און איך האָב אויך ניט געהאַט אויף הוצאות.

עס איז אָבער אַפּנים באַשערט געווען אַז מיין לעבנס־חלום זאָל פאַרווירקלעכט ווערן. די שלעכטע צייטן האָבן אָרויסגעהאָלפן. פּרנסה איז געווען ווייניק, צייטן שלעכטע, אַ גוטער תירוץ איבער־צוצייגן מיין פרוי אַז מיר האָבן ניט וואָס אַנצואָווערן. און דאָ קריג איך בריוו אַז אין ארץ־ישראל איז פּראָספּעריטי, מענטשן מאַכן געלט און צווישן זיי אויך איינער פון מיינע ברידער. אַזוי צו ביסלעך גע־לינגט מיר צו פועלן ביי מיין פרוי, זי זאָל מיך לאָזן פאָרן און איך זאָל זען וואָס מע קען דאָרט טאָן. אויף הוצאות שיקט מיר מיין ברו־דער, און ענדלעך פאָר איך פון אַמעריקע אין 1934 קיין ארץ־ישראל.

מיין רייזע קיין ארץ־ישראל איז געווען ניט קיין גוטע: שלעכ־טער וועטער, קראַנק דעם גאַנצן וועג, בענקשאַפט נאָך מיין פאַמיליע. ענדלעך, נאָך 16 טעג רייזע זע איך פון דער ווייטנס דאָס לאַנד. עס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן דעם ציטער פון יאָרן בענקשאַפט נאָך אַ לאַנד, וואָס איז אין אייער בלוט. יעדער גליד האָט געציטערט ווען מיר זיינען צו צום ברעג. ענדלעך בין איך מיט מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער! טעג פון פרייד, פון וויזיטן אין די קאָלאָניעס, אין קבוצות, — איין לאַנגער יום־טוב.

אָבער תּכלית. מיר ליגט מיין פאַמיליע אין זינען. אויף איין מינוט קען איך זיי ניט פאַרגעסן. איך קויף אַ מאַשין און ווער אַ שאָפער און פאַרדין געלט און אַרבעט שטונדן אָן אַ צאָל, כאָטש כ'בין אַ מיטגליד פון הסתדרות. איך האָב געשיקט נאָך מיין פאַמיליע — קומט קינדערלעך, ס'וועט זיין גוט.

ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ביז וואָס ווען, האָבן אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען אין ישראל. מיין פאַמיליע איז אויפן וועג. צו שפּעט זיך אומצוקערן. איך אַרבעט ביי טאָג און היט ביי נאַכט אין שכונה אי פאַר זיך, אי פאַר מיין אַלטן טאַטן. מיין פאַמיליע קומט קיין חיפה. שווער זיי צו ברענגען קיין תל־אביב וואו מיר וואוינען, און אַז מיר ברענגען זיי שוין יאָ, מוזן מיר שלאָפן אין די קליידער, ווייל די אַראַ־בער וואַרפן באָמבעס.

פּרנסה ווערט ווייניקער. עס גייט דורך אַ שטיקל צייט. מיין פרוי וויל פאָרן צוריק. די פּאָגראָמען הערן נישט אויף. ענדלעך פאָרן מיר צוריק קיין אַמעריקע.

מיר הייבן אָן פון אָנהייב. צוריק צום פרעסן. מען אַרבעט צו־ביסלעך. מע מוטשעט זיך אַ פּאָר יאָר. די קינדער גייען אין סקול און אויך אין דער יידישער שול. אין דער אַרבעט אַרום דער יידישער שול באַקענען מיר זיך מיט די מענטשן און עס ווערט צוריק גוט. פּרנסה פאַרבעסערט זיך צו ביסלעך. מיר ווערן אַקטיווער אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, ווי אַרבעטער־רינג, געווערקשאַפטן־קאָמפּאַניע, לייבאָר־פּאַרטיי און ספּעציעל אין דער יוניאָן, וואו עס גייט אָן אַ גרויסע קולטור־טעטיקייט און אויף אַנדערע געביטן. איך פּרוּוו אַרויסהעלפן אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן לעבן, צום יידישן וואָרט. איך געפין האָס לעבן אונדזערס זייער אינטערעסאַנט. איך דענק אַז איך האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן, כאָטש מיין יוגנט־טרוים וועגן ארץ־ישראל, מיט אַן אייגן שטיבעלע, מיט אַן אייגענעם גאָרטן איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, גלייב איך אַז איך פאַרגיטיק מיר אַליין מיט אַרויסהעלפן אַט יענעם שיינעם ווינקל, וואו אַ טייל, אָבער טאַקע נאָר אַ קליינער טייל, לעבט אַט יענעם אידעאַליסטישן און ריינעם לעבן, צו וועלכן איך האָב אַמאָל געשטרעבט. מיט איין זאַך בין איך זייער צופרידן, וואָס איך לעב אין אַן עפּאָכע־מאַכנדיקער צייט, וואָס פירט צו אַ שיינער, פרייער, יושרדיקער וועלט. איך וועל גלייך מיט אַלע גוט־מיינענדיקע מענטשן האָבן אַ חלק אין דער שיינער אַרבעט.

זיבעציק יאָר

דער מאַמען אין ישראל אַ מתנה

אַ גרוס דיר, מאַמע, פון דעם פרייסטן לאַנד,
וואו יעדער מוטער איז שטענדיק אומשטאַנד
דערציִען אירע קינדער אין פרייד און אין רו,
מיט ווייניקער זאָרגן ווי „דאָרט“ אַמאָל דו...

איך געדענק יענע צייטן, איך געדענק יענע טעג, —
איצט שוין אין פריידן דערציילן מע מעג.
אָפט האָבן זאַכן שטאַרק אויסגעפעלט,
און דו האָסט דעם הונגער פון אונדז דאַן פאַרשטעלט.

אָט איז דער אויוון, דער מולטער און דו האָסט געקנאָטן,
און איך נאָך אַ קליינער אין מולטער די מעל האָב געשאָטן, —
אויב ס'איז נאָר געווען; ווייל אָפט האָט געפעלט —
כ'האָב דעמאָלט געזען ביי דיר דעם צער פון דער וועלט.

איך געדענק אַ פאַר יום־טוב, אַ יאַריד אויפן מאַרק,
ס'איז דאָ דאָרט פון אַלעם, — די ענגשאַפט איז שטאַרק.
מע דינגט זיך, מע קויפט, נאָר מיר ניט קיין זאַך!
ס'האָבן גערעדט דיינע אויגן, כ'האָב פאַרשטאַנען די שפראַך.

צי האָסטו, מיין מאַמע, ווען רוען געקענט?
ס'האָבן שטענדיק געאַרבעט ביי דיר דיינע הענט:
געשטריקט און גענייט, צי איבערגעמאַכט;
שטענדיק פאַרנומען סיי טאָג און סיי נאַכט.

און איצט אין ישראל — אַ גאָרטן ניט ווייט;
מאַראַנצן און גרינסן, אַ קו ביי דער זייט,
דו ציסט ווייטער דעם פאָדעם, מערעזשעסט אַ זאָק —
הלוואי דיר אַזעלכע נאָך יאָרן אַ שאָק.

פ ר י ל י נ ג

ווידער פרילינג, צוויט און בוים,
און דאָס מיידל מיט איר טרוים,
זיצט אין גאָרטן אויף אַ באַנק,
זעט איר בחור שיין און שלאַנק.

פילט זיין אָטעם, פילט זיין גלעט,
און איר דאַכט זיך אַז ער וועט
פאַלן באַלד אויף זיינע קני,
זאָגן איר אַז שיין איז זי.

ער וועט נעמען איר אַרום,
אין די אויגן קוקן שטום
און איר קושן יעדער גליד, —
בלויז פון טראַכטן ווערט זי מיד.

מאַכט זי אירע אויגן צו
און פאַרזינקט אין שטילער רו.
אַזוי זיצט זי און זי טראַכט
אַליין אין גאָרטן נאַכט נאָך נאַכט.

ווי דער פרילינג, צוויט און בוים,
און דאָס מיידל מיט איר טרוים...

אַ נייער דאָרף

אַ הייזעלע גרוי,
אַ ליבס אַט אַזוי
האָבן מיר אַליין אויפגעשטעלט,
און טאַקע ניט ווייט,
כמעט ביי דער זייט,
גרינט שוין אַ שטיקעלע פעלד.

אַ קו אין דער שטאַל
גיט האָפענונג אַ קוואַל,
איר קול איז אַזוי ווי מוזיק.
און פונקט ווי אַ קינד
איז די קו אויך אַצינד
פון אונדזער לעבן אַ שטיק.

היינט דאָס קינד און דאָס ווייב,
און דאָס אייגענע לייב —
אַזוי פריידיק, לוסטיק און פריי;
עס דאַכט זיך צומאָל,
איר הערט דאָרט אַ קול:
„דו הייבסט דאָך איצט אָן פון דאָס ניי!"

יעדער טאָג, ווי אַ ליד,
פאַר מיר דאָ דעם ייד,
זינגט אויס אַן אַלט-אַלטן חלום:
אַט-דאָ אין דיין לאַנד,
ווען מיר אַלע ביינאַנד
פלאַנצן דעם אייביקן שלום.

דער גזלן

דער לוח, דער גזלן,
וואָס הענגט אויף דער וואַנט,
וואָרנט מיך שטענדיק,
דערמאָנט נאָכאַנאַנד.

ער וואַרפט זיינע בלעטלעך, —
טאָג־טעגלעך אַ בלאַט;
רייסט טעג פון מיין לעבן,
ווערט קיין מאָל ניט זאַט.

אָט דערמאָנט ער, אַז זומער
איז באַלד שוין אַוועק,
כאָטש ער רעדט ניט, — אַ שטומער —
ער וואַרפט אָן אַזש אַ שרעק.

וואָס וויל ער, דער גזלן,
וואָס האָט ער צו מיר?
פאַרקירצט מיר די יאָרן
מיט בלעטלעך פּאַפּיר.

אַ פּורים־שפּיל

דאָס גאַנצע לעבן איז אַ פּורים־שפּיל,
אַלע זיינען מיר פאַרשטעלט,
נאָר האָט דערפון ניט קיין יסורים פיל, —
עס איז אַזוי די גאַנצע וועלט.

מיר זיינען אַלע גרויסע קינדער,
מיר האָבן ליב די פּורים־שפּיל.
מיר ווערן אָפּט אַפילו זינדער
אָן שום ווילן, אָן געפיל.

עס מאַכט ניט אויס וואו מיר זיינען,
צי אין גאַס, צי גאָר אין הויז,
מיר ווילן ווייזן וואָס מיר קענען, —
יעדער טראַכט פון זיך נאָר בלויז.

דאָס גאַנצע לעבן איז אַ פּורים־שפּיל,
אַלע זיינען מיר פאַרשטעלט.
נאָר האָט דערפון ניט קיין יסורים פיל, —
עס איז אַזוי די גאַנצע וועלט.

דער הימל

הויך בין איך, ניט צו דערגרייכן,
און מאָדנע טו איך זיך פירן.
איר זעט מיך מערסטנס אַ בלייכן,
נאָר איך בייט אָפט די קאָלירן.

ווער איך טרויעריק — איז ניט צו דערקענען, —
עס איז אַ שרעק אויף מיר צו קוקן.
איר זעט ווי נאַריש מענטשן זיינען
ווען מע טוט פאַר מיר זיך בוקן.

בין איך פריילעך — ווער איך ליכטיק —
און באַקום אַן אַנדער פּנים.
ביי אַנדערע בין איך גאָרניט וויכטיק,
זיי זאָגן: איך באַגיי זיך אָן אים.

נאָר די פאַרליבטע און פאָעטן —
(ווי אַ שמעטערלינג דאָס בלימל)
זיי נאָר לאַשטשען מיך און גלעטן,
מיך, דעם וויטן אַלטן הימל.

נקמה

מיליאָנען קרבנות האָבן די בעסטיעס פאַרשניטן,
טייכן בלוט האָט איינגעזאַפּט די ערד.
ניט אומזיסט האָט געקעמפט די יוגנט און געליטן,
ניט אומזיסט געפאַלן פון דער שווערד.

זיי זיינען אַוועק פון דער וועלט מיט אַ גלויבן,
אַז נקמה פאַר זיי ווילן מיר נעמען.
אַז די וועלט וועט זיך מוזן איצט דערהויבן,
מיר זאָלן ניט דאַרפן זיך שעמען.

דאָס אומשולדיקע בלוט וועט שטענדיק דערמאָנען;
„נקמה״! וועט דאָס בלוט שטענדיק שרייען.
דעם „חוב״ מיר דאַרפן און מוזן אויפמאָנען, —
די וועלט פון אומרעכט באַפרייען.

מיר מוזן פאַשיזם אויף אייביק אויסמעקן,
מיטן וואָרצל אין גאַנצן פאַרשניידן.
דער מענטש זאָל מער זיך קיין מאָל ניט שרעקן,
מער קיין מאָל ניט וויסן פון ליידן.

דאָס באָרוועסע מיידל

אַ באָרוועסע מיידל
האָט מיר אַמאָל
געוויזן צום לעבן
דעם ריכטיקן וועג.
אַוועק זיינען יאָרן
אַ סך, אָן אַ צאָל,
און שטענדיק פון איר נאָר
אַלץ טראַכטן איך פלעג.

דאָס אָרעמע מיידל
מיטן ציצענעם קליידל,
מיטן פשוטן קעמל
אין געקרייזלטע האָר,
געהאַט האָט אַ קול
אַזוי זיס אַזוי איידל,
און אויגן ווי גליאיקע
קוילן אַ פּאָר.

איר קול האָט געציטערט
ווען זי פלעגט צו מיר ריידן,
און האַלטן געבויגן,
איר ליכטיקן קאָפּ.
געווען פול מיט פריידן,
דערצו נאָך באַשיידן;
זי פלעגט אַ פאַרשעמטע
אַלץ קוקן אַראָפּ.

איצט האָב איך דאָס זעלבע
מיידל געטראָפן
באַהאַנגען מיט זיידנס,
מיט „שטיינער" די הענט.
געזוכט כ'האָב אַ צייכן
פון טרוימען, פון האָפן, —
אומזיסט! כ'האָב אין איר
דעם „אַמאָל" ניט דערקענט.

איינע פון אַ סך

איך האָב לאַנגע יאָרן
אויף מיין גליק געוואַרט.
עס האָבן בחורים
צו מיר זיך געשאַרט.

ס׳האָט יעדער פון זיי מיך
געקושט און געגלעט,
און מיר אַלץ געשוואוירן
ער וויל און ער וועט...

ס׳האָבן מיר אַלע
צוגעזאָגט גליק,
ס׳איז קיינער צו מיר
ניט געקומען צוריק...

נאָר ענדלעך, מיט מזל —
איך האָב עס דערלעבט,
עס האָט זיך אַ בחור
צו מיר צוגעקלעפּט!

איך האָב מיט אים תיכף
אַ חופּה געשטעלט.
איז אָבער מלחמה
איצט אויף דער וועלט.

נו, בין איך פאַרהייראַט,
און ס׳איז שוין פאַראַן
ביי מיר אויך אַ כתובה —
נאָר כ׳האָב ניט קיין מאַן!

דער מענטש

ער בענקט נאָך אַ זאַך
וואָס האָט ניט קיין שפּראַך,
און עפּעס וואָס האָט ניט קיין ווערטער.
ער טראַכט פון אַמאָל,
פון צוקונפטס אָן צאָל,
דערווייל בלייבט זיין היינט אַ צעשטערטער.

ער בלוטיקט אין טעג
פון זיין לעבנסוועג,
אים טונקלען די ליכטיקע זונען.
און ס׳גייען אַוועק
די יאָרן אין שרעק,
און גליק האָט ער זעלטן געפונען.

זיין האַרץ איז באַשווערט,
פון חלומות צעשטערט,
און וואָס האָט דאָס אַלץ פאַר אַ זינען ?
צי איז עס אַ צוועק
צו צוימען די שרעק ?
צו זוכן און טרייסט ניט געפינען ?

און מענטש, — דער וועלטס האַר,
ער פילט די געפאַר
און ער קען זיך צו גאָרניט דערטראַכטן.
זיין מוח — אַ שפּיז,
זיין כוח — אַ ריז,
און לעבט אַ לעבן אין שלאַכטן.

אים דאַכט, ער איז אַ העלד
אין שלאַכט אויפן פעלד,
וועט אַלצדינג צעשטערן, באַצווינגען :
ניט טראַכטנדיק פיל
פון לעבן דעם ציל
דערגרייכן, צי וועט אים געלינגען.

וואָס און פאַרוואָס

וואָס מאַכן די בלעטעלעך־גרין ?
(און רויט איז ווי פייער די בלום)
די וואָלקנס זיי ציען — וואוהין ?
פאַרוואָס אַזוי שטיל דער אַרום ?

וואָס ברענגט דאָס ווינטל אַהער ?
וואָס טרייבט די גראָזן אַרויף ?
פאַרוואָס איז מיר אַזוי שווער
צו באַנעמען אַ מאָל דעם „אין סוף ?"

וואָס שמייכלען די קינדער אַרום ?
דער שיכור אין גאַס וואָס לאַכט ?
דער הימל — וואָס איז ער שטום ?
דער בוים — וואָס איז ער פאַרטראַכט ?

פאַרוואָס אַזוי בייז איז דער ים ?
וואָס קלאַפּט ער מיט רוגזה די ברעגן ?
צי איז עס אַ שפּיל אַזוי סתם ? —
צי מיינט ער גאַנץ ערנסט דאַקעגן ?

אויב מענטש פון חיה איז מער —
און ס'האָט דאָס לעבן אַ צוועק,
צי קען גאָר פאַרטייטשן מיר ווער —
אַ לעבן אין שטענדיקער שרעק?...

איך זוך ניט

איינער קלייבט פערל,
אַ צווייטער קלייבט געלט.
פאַרשיידן דאָס קלייבן
אָט דאָ אויף דער וועלט.

איך קלייב מיר געדאַנקען, —
ס׳איז די וועלט מיט זיי רייך —
און אויב עס געלינגט מיר,
ווער איז צו מיר גלייך.

עס שאַפן זיך שורות,
עס וועבט זיך אַ ליד
איך שאַרף עס און לײַטער,
כ׳ווער קיין מאָל ניט מיד.

איך שיק עס צום „קרומען"
אין „שפּיגל" אַריין,
און וואַרט מיר געדולדיק —
געדרוקט וועט עס זיין!

ס׳לויפט איינער אין וואָל־סטריט,
אָדער גאָר אין די בענק; —
איך, גאָט צו דאַנקען, —
פאַרמאָג ניט די קרענק.

איך זוך ניט, איך דאַרף ניט,
וואָס טויג מיר די זאָרג? —
קוים דרוקט זיך מיין לידל,
קריג איך אַלץ דאָ אויף באָרג.

אַ זון שרייבט

ווען איך בין פון דיר ווייט אַוועק
פיל איך, מיין מאַמע, דיין שרעק.
איך בעט דיך, ניט זאָרג זיך, ניט טראַכט,
געוואונען וועט ווערן די שלאַכט.

איך לייען די בריוו דיינע פיל מאָל,
איך זע אין זיי צער אָן אַ צאָל.
כ׳זע דיין בליק און פיל דיין גלעט;
כ׳הער דיין פראַגע: — „ווען שוין וועט?..״

וויל איך דיך טרייסטן דערויף:
באַלד, אָט באַלד קומט שוין דער סוף!
גרינג איז מיין האַרץ און עס קוועלט, —
כ׳העלף שאַפן אַ בעסערע וועלט!

אונדזער וועלט ווערן וועט פריי,
און מיר אַלע יידן דערביי,
וועלן ביידע, מאַמע און זון,
האָבן פיל נחת דערפון.

פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס

ס׳פליען האַסטיק עראָפּלאַנען,
דעקן גאָט ווייס וויפל מיילן.
קיינער פרעגט ניט וואו? פון וואַנען?
אַלע יאָגן, אַלע איילן.

איינער פליט צו זיין געליבטער,
וועלכע „פלאָגט״ זיך ביי די ימען,
און אַ צווייטער, אַ באַטריבטער,
פליט מקבר זיין דער מאַמען.

איינער איילט געשעפטן מאַכן,
ער מוז אַהין וואָס גיכער קומען.
ס׳איז באמת נאָר צום לאַכן,
מיט וואָס עס איז דער מענטש פאַרנומען...

— „לאַנגזאַם, פעטער, גיי פּאַמעלעך״
דער אַלטער כלל איז אָנגענומען:
„וואָס פּאַמעלעכער דו שלעפּסט זיך,
אַלץ גיכער וועסטו צו דיין ציל אָנקומען״.

אין אַ קעלער

ס׳איז אַרום אַ וועלט צעפלאַקערט,
באָמבעס, שטורעמס הערשן דאָרט;
שטעט און דערפער פיל צעאַקערט,
חורבות בלויז אויף יעדן אָרט.

יונגען פליען שנעל און שנעלער
צו באַגעגענען דעם טויט.
און אַ ווייבל אין אַ קעלער
רייסט פאַר ווייטיק זיך די הויט.

זי דאַרף באַלד אַ מוטער ווערן, —
באָמבעס קראַכן אומעטום.
רעדט זי צו איר קינד מיט טרערן:
— „קינד, אַנטלויף! ניט קום, ניט קום!"

דאָס קינד הייבט אָן זיך צו באַווייזן,
קומט אַרויס מיט אַ געשריי:
„מענטשן אַלטע מאַכן גרייזן —
מיין וועלט וועט זיין געזונט און ניי!"

געפאַלן אין שלאַכט

(צום אָנדענק פון א. שפיטאַלניק, מיטגליד פון פרעסערס־יוניאָן,
געפאַלן מערץ, 1944)

... נאָרוואָס אים געזען, ערשט דאָ ניט לאַנג.
אַ הויכער, שלאַנק ווי אַ בוים,
שטענדיק אַ שמייכל, אַ שפּאַס, אַ געזאַנג,
צי גאָר פאַרטיפט אין אַ טרוים.

געחלומט פון ווייב, פון קינד און פון הויז.
געווען אַזוי יונג, אַזוי צאַרט.
צוויי צענדלינג יאָר געווען איז ער בלויז,
און דער טויט האָט אויף אים שוין געוואַרט.

העכער

ס׳איז די וועלט אַ לייטער,
אַיעדער וויל דערגרייכן.
זיין מערער ווי דער צווייטער, —
מע דראַפּעט זיך צו הייכן.

איז מען וואו געקומען, —
איז עס אויך ניט חשוב.
מען איז אַלץ פאַרנומען,
ניט בלייבן דאָרט אַ תושב.

העכער אַלץ און העכער,
ס׳איז אָן אַ סוף דער „אויבן".
מ׳איז דאָך אַ פאַרשוועכער,
אויב מע וויל ניט גלייבן.

שטעלסטו אָפּ דיין לויפן
אויף אַ קורצע ווילע —
קענסט זיך ניט אויסקויפן
פון די מענטשנס מיילער.

יעדער טוט דיך לערנען
און ס׳וויל דיר יעדער וויזן;
זיי טוען דיך דערצערנען
מיט וויזן דיינע גרייזן.

דו קענסט די וועלט, חלילה,
אַראָפּ פון דרך פירן,
און אפשר זי אַפילו
גאָר צום אָפּגרונט פירן.

חלומות

לאַנגע יאָרן רק געחלומט
פון אַ לעבן רואיק, שטיל;
פון אַ היים פול ליבע,
פון אַ חבר מיט געפיל.

פון אַ גאָרטן פול מיט בלומען
וואָס זאָל שמעקן אָן אַ שיעור;
פון פריינד וואָס וועלן קומען
צו דיין ברייט־צעעפנט טיר.

און צוזאַמען ווייטער שפינען
דעם שיינעם חלום פון אַמאָל,
און צוזאַמען אויך געפינען
קלאָרע ענטפערס אָן אַ צאָל.

און צוזאַמען ווייטער בענקען
צו אַ וועלט וואָס וועט זיין שיין,
און זיך קעגנזייטיק שענקען
וואָס מיר האָבן ניט אַליין.

נאָר דער חלום ווערט צעקראָכן, —
ס'איז ווייניק יום־טוב דאָ אַצינד.
— מע גיט זיך אָפּ מיט פּוסטע זאַכן,
רק מע יאָגט זיך נאָכן ווינט.

לעבנס־שפיל

ס׳לויפן מענטשן און זיי רעשן
אָנצופילן בלויז די טאַשן,
צו פאַרזיכערן דעם מאָרגן,
וואָס פאַר זיי איז נאָך פאַרבאָרגן.

רייסט מען שטיקער פונעם לעבן,
און מ׳איז גרייט אַלץ אויפצוגעבן
פאַר אַן עפּעס וואָס איז ווייט
און אַ שפּיל נאָר פון דער צייט.

האָט דאָס אַלץ עפּעס אַ ווערט,
אַז ס׳איז גאָרנישט דיר באַשערט ?
גליק איז דאָ דאָך אָן אַ שיעור, —
נאָר עס גייט פאַרביי דיין טיר.

אויב אַמאָל עס קומט צוריק
און עס ברענגט אַ ביסל גליק, —
קלענער ווערט דערמיט מיין צער,
און איך דאַנק שוין גאָט דערפאַר.

ווייל דאָס לעבן סיי־ווי־סיי,
אַט־אַט־אַט און ס׳לויפט פאַרביי,
ערשט אַ קינד — און אַט שוין אַלט,
און מע רופט „אַהין״ שוין באַלד.

יאָרן

יאָרן שוין אַ סך אַוועק
פון אָט יענער ווייטער צייט.
ס׳כאַפּט אַ גרויל אָן און אַ שרעק —
דער וועג ווי לאַנג, ווי לאַנג און ווייט!

יענע טעג און נעכט — ווי גוט
און ליב זיי זיינען דיר געווען!
און יעדער שעה און יעדע ווייל
איז דאָך מיט דיר אַ נס געשען.

אַ־יעדע זאַך אין גאָר דער וועלט
מיט שיינקייט האָט געגלאַנצט;
אַלץ געווען איז קלאָר באַהעלט, —
דאָס האַרץ האָט אַזש געטאַנצט.

יעדער בוים און גראָז און בלום,
יעדעס טייכל, יעדער שטעג
האָט צו דיר גערופן: קום!
ס׳האָט אַלץ געהאַט אַ זין, אַ צוועק.

נאָך יענע יאָרן, כ׳בענק וואָס מער, —
קען מען דען די צייט פאַרצוימען?
און וואָס עלטער נאָר איך ווער, —
ווילט זיך אָפטער פון זיי טרוימען.

אונדזער שטעטל

(צום אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך פאַר דינעוויץ, פּאָד.)

הייזלעך, דעכער, האָלץ און שטרוי
שטייען יאָרן לאַנג אַזוי,
אין דער גאַנצער לענג און ברייט
אַזוי אָפן, פריי און גרייט.

קיך און אַלקער — איז אַ שטוב,
און מען האָט זיך דאָרטן ליב.
ס'וואַקסן דאָרטן יידן אויס —
און ס'איז פרייד אין יעדער הויז.

יעדער פלייסט זיך דאָרטן שטאַרק,
סיי אין גאַס און סיי אין מאַרק.
קעמפן מוז מען מיט דער נויט
צו פאַרדינען אויפן ברויט.

איז אַ סחורה טאַקע אַלץ:
ווייץ און קאָרן, צוקער, זאַלץ.
יידן האַוועץ, יאָגן זיך אַ שרעק,
מע טראָגט, מע שלעפּט די פולע זעק.

נאָר אַז ס'קומט דער שבת־טאָג
מיט זיין חשובדיקער וואָג,
בלאַנקט פון ריינקייט אונדזער שטאָט,
ווי געקומען ערשט פון באָד.

יוגנט שפּאַנט מיט דריבנע טריט
צו דעם שיינעם וואַלד וואָס בליט.
אַלץ געשיינט, געלעבט דאָרט האָט, —
איצט וואו זיינען זיי, מיין גאָט?

ניט קיין שטאָט מער, ניט קיין זאַך,
און פאַר טרייסט ניטאָ קיין שפּראַך,
און ס'איז טראַכטן אויך צו שווער —
ס'בלייבט נאָר לאָזן בלויז אַ טרער.

צו מיין שטעטל

פון יענער זייט ים,
אַט דאָרטן גאַנץ ווייט,
איז מן־הסתם
מיין שטעטל באַפרייט.

באַפרייט שוין די שול,
באַפרייט שוין די באָד.
און אויך דאָרט אין טאָל
דער שטאָטישער סאָד.

באַפרייט שוין דער וואַלד
און ניט ווייט אויך דער טייך,
און אויך יידן דאָרט באַלד
באַפרייט ווערן גלייך.

זאָל זיין זייער צאָל
ווי אַמאָל איז געווען;
און זאָלן מיר זען
ווי ניסים געשען!

מיין שטעטעלע דאָרט —
אויב עס שטייט אויפן אָרט —
ס'איז צייט שוין צו הערן
פון דיר אַ גוט וואָרט!

מיט געבויגענעם קאָפּ

(צום אָנדענק פון אַ שאָפּ־אַרבעטער)

... און ווידער מיר שטייען מיט קעפּ איינגעבויגן
ביים פּרעס־אייזן, טיש און מאַשין.
עס ציטערן ליפּן, פייכט זיינען אויגן,
עס וואַנדערן געדאַנקען אַהין

צו ווייטע מדינות אויף יענער זייט ים,
צום בערגל אין מיטן אַ פעלד.
אויפן ברעטל פאַרשריבן איז מן־הסתם:
„דאָ רוט אַ קעמפער, אַ העלד".

— —

ס'איז אין שאָפּ אַזוי שטיל, קיין שאָרך און קיין קלאַנג.
די פּרעס־אייזנס מאָדנע זיי זשומען.
צי הודזשעט די פאַרע אַ ריטמיש געזאַנג
פון צייטן פון נייע וואָס קומען ?..

ה אַ ר ב ס ט

ס'פאַלן בלעטער און אויך יאָרן,
ס'קומט דער ווינטער שוין צו פאָרן.
סיי דער דרויסן, סיי דאָס לעבן
נעמען אין אַן אומעט שוועבן.

נאַקעט ווערןביימער־שטאַמען,
מענטשן אויך מיט זיי צוזאַמען.
ס'דעקט די זון זיך מיט אַ כמאַרע
קעלט און הונגער — מאַכט אַ וואַרע!

פייגל, מחנותווייז, געטרייע,
פליען זוכן לענדער נייע.

***

ניט געקענט האָט גאָט זיך מיען,
אַז אויך דער מענטש זאָל קענען פליען?

זיי און מיר

אָ, דו יידישער מענטש,
פאַרטראַכט זיך, באַרעכן:
וואָס מיינט עס אַ זינד?
וואָס מיינט אַ פאַרברעכן?

עס נעמט דאָך אַ שוידער
אַרום דיינע גלידער
פון הערן די גרוילן
פון אונדזערע ברידער.

מע קומט אָפּ מיט קרעכצן,
מיט רעדעס, מיט שרייבן,
ווען דאָרטן אַ טאָג כאָטש
מע וויל לעבן נאָך בלייבן.

און מע קען דאָ צו אַחדות
דעם וועג ניט געפינען.
און זיי גייען דאָרט טעגלעך
אַראָפּ פונעם זינען!

ווען מע ווערט דאָרט משוגע
פון שרעקלעכע ליידן,
זיינען מיר דאָ צעשפּליטערט,
כאָטש מע קען דאָס פאַרמיידן.

מע קען ניט פאַרגעסן,
מע וויל ניט פאַרגעבן,
כאָטש ס׳שטייט דאָרטן איצטער
אין קאָן יעדעס לעבן.

מע מוז איבער אַלעס
אַצינד זיך דערהויבן, —
ווען אַחדות, בלויז אַחדות
מוז זיין אונדזער גלויבן . . .

אַ גרוס דיר

אַ גרוס דיר, מיין ווייבל,
פון ווייט, פון דעם פראָנט,
וואוהין ס׳האָבן מיך ווינטן פאַרבלאָזן.
געדענקסט דאָךביים אָפּשייד,
ווי כ׳האָב ניט געקענט
דיך, ליבסטע, אַליין איבערלאָזן.

דו ביסט דאָך שטענדיק
מיט מיר טאָג און נאַכט
אָט דאָ אויפן פעלד
וואו מיר שיסן.
און רגע נאָך רגע
פון דיר נאָר איך טראַכט,
מיין ליבסטע, —
כ׳וויל זאָלסט עס וויסן!

איך ווייס אַז דו בענקסט דאָרט
אַזוי ווי איך דאָ;
איך ווייס דיינע נעכט
פול מיט טרערן.
דאָך פיל איך אַצינד
אַז עס קומט באַלד די שעה
ווען ליכטיק די וועלט
ווידער וועט ווערן!

שווער צו גלייבן

ס׳איז אפשר גאָר נאַריש צו דענקען,
אַז ס׳וועלן בלויז ניסים געשען,
און ס׳וועלן די רייכע זייערס שענקען,
און ס׳וועט מער ניט זיין ווי געווען.

אַז הערצער ביי זיי וועלן שמעלצן,
און ליכטיק וועט ווערן די וועלט;
אַז ברויט און אויך הייזער און פעלצן
וועט יעדער באַקומען אָן געלט.

אַז לעבן וועלן מענטשן אין פרידן,
זיך קושן די פיסקלעך ביינאַנד;
מע וועט מער ניט טשעפּען קיין יידן,
ניט כאַפּן ביי קיינעם קיין לאַנד.

אַזוי ריידן יענע פון „אויבן״,
וואָס רופן זיך אָן דעמאָקראַטן.
ווילט איר, — מעגט איר זיי גלייבן, —
אַז ניט, וועט אייך אויך גאָר ניט שאַטן.

מיין וועלט

דער שאַפּ, דאָס בענקל, דער זיץ,
און די נאָדל מיטן שפּיץ,
און די שטיקעלעך געוואַנט
וואָס עס צערטלט דאָרט מיין האַנט;

און די פאָדעם און די נעט,
און די גלאַנצנדיקע ברעט,
און די בלאַנקענדיקע שער —
אָט וועמען איך געהער.

אָט אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס
טרייבט עס מיך פון שטוב אַרויס,
און ער ברענגט מיך דאָ אַהער, —
כאָטש דאָ איז מיר אַזוי שווער.

נאָר אָפּטמאָל ווען עס שיינט די זון
און ס׳פאַלט אַ שטראַל אויף דער מאַשין,
ווערט מיר וואַרעמער דערפון
און ס׳באַקומט מיין לעבן אויך אַ זין.

בלעטער פאַלן

ס'איז שוין האַרבסט און אפשר שפּעטער
און אין האַרצן אַזאַ שרעק,
ווען עס פאַלן געלע בלעטער
און דער ווינט יאָגט זיי אַוועק.

אָט דרייען זיי זיך אין אַ טאַנץ,
אויף דער גאַס אין מיטן וועג.
און דאָרטן צווישן בלעטער־קראַנץ
זע איך ליגן מיינע טעג.

שאָרכן בלעטער, ווי זיי ריידן
אין דעם ווירבלדיק געדריי:
„ס'איז דער זעלבער סוף פאַר יעדן".
הער איך, דוכט זיך, זאָגן זיי.

איך קוק צום הימל מיט די אויגן,
צו דעם הימל דאָרטן ווייט,
קאָלירן ווי פון רעגנבויגן
פאַרבן הימלס יעדע זייט.

יעדעס וואָלקנדל דאָרט אויבן
פון אַ שענערן קאָליר,
פילן אָן מיט נייעם גלויבן,
מיט בטחון אָן אַ שיעור.

וואָס וויינסטו?

וואָס וויינסטו מיין האַרץ אָן רחמנות?
ציווילסטו ניט פון לעבן צופיל?
איך זאָג דיר, און גלייב בנאמנות,
אַז דאָס לעבן בלויז איז אַ שפּיל.

אַ שפּיל פון טעג און פון יאָרן,
פון ליבע און פריינדשאַפט אַ לעק.
אָן ווילן מע ווערט דאָך געבאָרן, —
אָן ווילן מע גייט דאָך אַוועק.

דיין דאָ זיין — אַ קורצער מהלך,
און ס'וואַקסט דאָ אי דאָרן, אי רויז.
ניט יעדער קען זיין ווי אַ מלאך, —
די מענטשן שוואַך זיינען בלויז.

זיי זיינען בטבע גאָר וואוילע,
ווייסן ניט ווער, וואָס און ווען;
זיי זעען דאָס לעבן דאָס הוילע, —
דאָס שיינע איז אָפט שווער זיי צו זען.

בלאָנדזשען זיי אָפּ אַלע יאָרן
און זוכן אַן עפּעס גאָר ווייט,
אַן עפּעס וואָס איז נאָך ניט געבאָרן
און וועט אפשר זיין מיט דער צייט.

מאַי

און ווידער איז געקומען
דער שיינער חודש מאַי,
מיט צוויטן און מיט בלומען
מיט גרינסן אַלערליי.

קוסטעס בליען שוין און מיניען, —
ס'איז פאַרשיידן דער קאָליר.
און די פייגל דאָרט געפינען
פרייד און גליק אָן שיעור.

עפּעס ווי אויף פליגל
איז חיה, פעלד און בוים,
עס ליגט אויף זיי דער זיגל
פון אַ נייעם טרוים.

בלויז דער מענטש, ער איינער, —
אים פעלט אַ ביסל גליק.
ס'איז זיין מאַי דער שיינער,
ווי מיט יאָרן פונקט צוריק.

דער ערשטער מאַי

פונקט ווי יעדער יאָר אויפסניי
קומט צו אונדז דער ערשטער מאַי.
קומט מיט זון, מיט צוויט, מיט בלום, —
נעמט אונדז אַלעמען אַרום.

יעדער ווינטעלע — עס שמעקט,
און ניט ווי אַ מאָל — דערשרעקט.
ס'איז זיין קומען איצטער שטיל,
דאָך האָט ער נאָך אַלץ אַ ציל.

יום־טוב־מאַי איז מער ניט ניי,
דאָך ער מאָנט, דער ערשטער מאַי.
ברויט און פרייהייט פאַר דער וועלט,
פאַר יעדער מענטשן אַ געצעלט.

און אַז ס'וועט שוין קומען יענע צייט
פון פרידן, פרייהייט פאַר נאָנט און ווייט,
וועט אין אַ יום־טוב אויף דאָס ניי
זיך פאַרוואַנדלען ערשטער מאַי!

אַ סוכה

פאַראַנען די סוכה, פאַראַן אויך סכך,
קיין זאַך וואָלט אונדז ניט פעלן,
ווען מיר זאָלן וויסן נאָר איין זאַך:
די סוכה וואו צו שטעלן.

ס'איז מיליאָנען אַקער לאַנד פאַראַן,
און אָן אַ שיעור ליידיקער באָדן.
נאָר פאַר יידן איז ניטאָ קיין שפאַן —
מע קען נאָך ווערען אָנטאָן שאָדן.

ניטאָ קיין לאַנד אויף גאָר דער וועלט,
וואו מע זאָל אונדז יידן וועלן;
ניטאָ קיין פאָלק וואָס איז באַזעלט
אונדז אַ סוכה לאָזן שטעלן.

ס'געפינען אומעטום זיך הענט,
וואָס זיינען גרייט צו טרייבן;
לייגן מיר אַ פונדאַמענט, —
קען עס דאָרט ניט בלייבן.

דריי זיך, רעדל

דריי זיך רעדל, ניי, מאַשין!
שלעפּ דעם פאָדעם אַהער, אַהין;
שטעפּ די קליידלעך נאָט נאָך נאָט, —
אַזוי פאַרשאָלטן האָט מיך גאָט.

איך דריי, איך ניי, איך שטופּ די טעג,
ס׳איז לאַנג און טרויעריק דער וועג;
ס׳איז דאָ אַלצדינג אַלט און גרוי.
אַפּנים ס׳איז אונדז באַשערט אַזוי.

דריי זיך רעדל, זשום־זשום־זשום,
פאַרטויב דעם ווייטיק, צער פאַרשטום.
וועלט איז ווידער אין געפאַר,
עס לויערט הונגער, טויט און צער.

דריי און דריי, און דריי און לויף,
דער מוח עגבערט ווי אַ שרויף:
וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?
דו שלעפּסט מיך אין דיין שטראָם אַריין.
דריי זיך, רעדל! ניי מאַשין!
שלעפּ דעם פאָדעם אַהער, אַהין...

מיין סדר היינט

כ׳געדענק אַמאָל ביי אונדז אַ סדר,
מע פלעגט פון אים דאָך וואָכן ריידן.
מיט אים געפרייט זיך האָט אַיעדער,
אַ שאָד געווען מיט אים זיך שיידן.

מיר פלעגן די הגדה זאָגן,
דערביי זיך פריילעך אונטערזינגען, —
און ניט פאַרגעסן אויך דעם מאָגן, —
מע פלעגט די קניידלעך פלייסיק שלינגען.

מיין סדר היינט איז אַ צעשטערטער,
עס וויל קיין קינד צו אים ניט קומען, —
מע הערט ניט מער דעם טאַטנס ווערטער,
אַלע זיינען שטאַרק פאַרנומען.

אָפילו די מוזינקע מיינע,
וואָס פלעגט די קשיות תמיד פרעגן,
וויל אויך ניט אויסהערן מיין טענה,
זי גייט אַליין זיך אירע וועגן.

זיץ איך מיר אַליין און מיין אַלטע
פרעגט די קשיות, אָט ווי פאַראַיאָרן.
ס׳איז די שטימונג דאָ אַ קאַלטע, —
דאַכט זיך, אַז פון יאַריד מיר פאָרן.

לשנה טובה

אַ גוט, געזונט יאָר
אַיעדן פון אייך!
אַ גליקלעכס ביז גאָר,
פאַר אָרעם, פאַר רייך.

גליק איז אַ זאַך
וואָס מע זעט עס קוים,
אָן ווערטער, אָן שפּראַך —
אַ געטלעכער טרוים . . .

ס'האָט גליק ניט קיין צילן,
שווער גליק צו פאַרשטיין;
מע דאַרף עס דערפילן —
אין אייך ליגט עס אַליין . . .

איר דאַרפט עס נאָר ווען,
יאָ, ווען ביז גאָר,
וועט אייך גאָרנישט פעלן
אין דעם נייעם גוט־יאָר!

חנוכה אין שטעטל

אַ שטעטעלע מיט הייזעלעך
און דעכעלעך פון שטרוי,
און ליכטיק זיינען שטיבעלעך
און פריילעכע אַזוי.

עס איז די נאַכט פון חנוכה
און ליכטעלעך מע צינדט,
און אין יעדן שטיבעלע
איז יום־טובדיק אַצינד.

דער טאַטע זינגט אַ ניגונדל, —
כאָטש אַלט, דאָך שטענדיק ניי,
דערלאַנגט דערביי אַ דריידל מיר,
אַ גלאַנצנדיקס פון בליי.

די מאַמע, פרום און שיינענדיק,
דעם טיש אַצינד זי גרייט;
פון לאַטקעס ערשט געבאַקענע
אַ ריח פריש זיך שפרייט.

שוין יאָרן גאָר אַ צאָל
אַוועק זינט יענער צייט, —
פון חנוכה אַמאָל
איך פיל איצט דעם באַדייט.

חנוכה

חנוכה. דער טאַטע צינדט ליכט
אין לעמפּעלע פון ליים;
ליכטיק שיינט זיין געזיכט
ביים זינגען בימים ההם.

די מאַמע אין טיכל, אין הויב,
וואָס אויף איר קאָפּ זיצט ווי אַ קרוין,
גיט צו דעם בורא אַ לויב
פאַרן טאַטנס ברכות — איר לוין.

מ׳עסט לאַטקעס מיט גריוון און שמאַלץ,
מ׳שפּילט דריידל נון, גימל, הא, שין;
אין אויוון קנאַקט פריילעך דאָס האָלץ
און אַלץ וואָס אין הויז האָט אַ זין.

מע שפּילט אויך אין קאָרטן אַכט טעג
אַפילו ביים רבין אין הויז.
— „אום חנוכה״, — זאָגט ער — „מע מעג,
ניט מער ווי אַ וואָך אָבער בלויז״.

עס פינקלען די ליכטעלעך קוים,
דער שמש באַדינט זיי פון אויבן;
עס וועבט זיך אין הויז אַ מין טרוים,
פול יעדער ווינקל מיט גלויבן . . .

עס זיינען אַוועק יענע טעג,
מע צינדט ניט קיין ליכטעלעך מער,
איז כאָטש זיך דערמאָנען מע מעג
ווען ס׳איז אויפן האַרץ אַזוי שווער.

יום־טובים־צייט

ס׳איז די שענסטע צייט פון יאָר,
(כאָטש ס׳אַוועק דער זומער שוין !)
און מער אַ חלום איז — די וואָר, —
פון נאַטור די שענסטע קרוין.

ביימער רויטלען זיך פון זון,
הימל בייט אָפּט זיין קאָליר,
און מיר שעפּן פרייד דערפון
וואָס שיינקייט קלאַפּט אין יעדער טיר.

בלומען זיינען רייף שוין לאַנג,
סאַמעט־בלעטער גלעטן אויג,
און זיי זינגען אויס אַ דאַנק, —
מיט אַ ציטער יעדער נויג.

אַ פויגל אויף אַ צווייג פאַרטראַכט
חלומט פון אַ ווייטן פלי.
ס׳איז אים קאַלט שוין איצט ביי נאַכט
און נישט וואַרעם אין דער פרי.

פון אַ שופר האָט אַ קול
אין דער לופטן זיך צעשפּרייט,
און ער רופט דעם ייד ער זאָל
צו די יום־טוב־טעג זיין גרייט.

אָט שטייט אַ בוים

אָט שטייט אַ בוים נאָך נאַקעט, ריין,
נאָר, דאַכט זיך, כ׳הער אים זאָגן:
הלוואי וואָלט מענטש אַזוי פאַרשטיין
וואָס איך טו אין זיך פאַרמאָגן.

מיין שטאַם איז ניט קיין טויטע זאַך
אין אים טוט שטענדיק יערן;
מע דאַרף פאַרשטיין מיין ביימער־שפּראַך.
מע דאַרף מיך קענען הערן.

עס האָט דער ווינט מיר איינגערוימט
אַ סך קומענדיקע פריידן;
וואויל איז דעם נאָר וואָס ער טרוימט
אַז פרילינג קומט פאַר יעדן.

אַז אַלצדינג גלייכט אין אים זיך אויס,
און אַלץ הייבט אָן צו גרינען;
אַז אונדזער וועלט איז שיין און גרויס,
און אַלצדינג האָט אַ זינען . . .

בין־השמשות אין די בערג

דער טאָג גייט אָפּ, עס קומט די נאַכט,
אַלץ איז שטיל דאָ, ווי פאַרשמאַכט.
די לופט, ווי בליי, געבליבן שטיין, —
ס'אַ צייט אַזאַ — פאַר זיך אַליין.

די לופט איז אָנגעלאָדן שווער,
מיט סודות פול איז יעדער קער;
יעדער ווינקל, יעדער פאַלד
אַ סוד אַ גרויסן דאָרט באַהאַלט.

אָט שטייט אַ הויכער, שטאַרקער בוים,
דרימלענדיק פאַרטיפט אין טרוים
פון אַ ווינטער מילד און צאַרט, —
אָט נאָך וואָס דער ריז איצט גאַרט!

און אָט שאַרן זיך פאַרביי
אַ וואָלקנדל און צוויי און דריי,
טראָגן ערגעץ זיך אַוועק. —
זאָל עס זיין די נאַכט זיי שרעקט?

נאָר דער מערב דאָרטן ווייט,
אין דער בין־השמשות־צייט,
וועבט אַ נעץ פון וואונדער־פאַרבן,
לאָקט דעם טאָג אַהין צו שטאַרבן.

ווידער פסח

ווידער פסח, ווידער יום־טוב,
ווידער פרילינג־פריידן.
נאָר דער יום־טוב אָט דער שיינער
איז ניט מער פאַר יעדן.

ניט פאַר יענע יידן דאָרט
ניט פאַר זייערט וועגן,
ס'איז פאַר זיי ניטאָ קיין אָרט,
פאַר וואַנדערער אויף וועגן.

ווער מיר מצה, וואָס מיר וויין ?
מרור נאָר זיי עסן !
מע לאָזט אין ערגעץ ניט אַריין, —
די וועלט האָט זיי פאַרגעסן.

ניט קיין סדר, הסבֿ־בעט —
קשיות נאָר אַ סך !
צי אליהו קומען וועט
אונטער זייער דאַך ?

ווערטער שטילע נאָר זיי ברומען :
„וואו נעמט מען נייעם גלויבן ?
צי וועט אַ משה ווען נאָך קומען
וואָס זאָל אַלעמען דערהויבן".

ביים ברעג ים

עס קלאַפּן די כוואַליעס
פון ים ביי מיין טיר;
זיי קלאַפּן מיט שטורעם,
דאָך ליב איז עס מיר.

איך זע זיי און הער זיי
סיי טאָג און סיי נאַכט
און כ׳פרעג זיי: איר כוואַליעס,
וואָס האָט איר געבראַכט?

איר קומט דאָך פון ברעגן,
פון לענדער גאַנץ ווייט,
צי זעט זיך אַ ליכט שוין
צי ווערט וועלט באַפרייט?

כאָטש כ׳קריג ניט קיין ענטפער,
ווייל ס׳רעדט ניט דער ים,
דאָך פיל איך ס׳וועט קומען
דער באַשייד מן־הסתם.

זומער־לעב

זומער איז אַ ליבע צייט,
אויב מען איז פון שטאָט נאָר ווייט,
וואו עס בלאָזט אַ ווינטל קיל
און אַרום איז רואיק, שטיל.

וואו אַ פריינד איז דיר דער בוים,
וואָס שעפּטשעט שטיל דיר איין אַ טרוים,
און דו ווערסט, ווי ער, פאַרטראַכט, —
שטענדיק וואָלסטו דאָ פאַרבראַכט.

און די זון אויף אַלע צווייגן,
אין אַ סימפאָניע פון שווייגן,
זעט אויס ווי אַ דיריגענט
מיט באַגולטע, לאַנגע הענט.

נאָר אַ פויגל אויך אַ מאָל
טרילט אַ סאָלאָ אויפן קול,
דרייט דאָס קעפּל הין און הער,
אפשר אַפּלאָדירט איר ווער.

אָט דער פויגל, פונקט ווי איך,
זינגט כסדר נאָר פאַר זיך.
ס'איז דאָס זינגען אונדזער שכר,
און מיר דאַנקען גאָט דערפאַר.

פרילינג אויף די בערג

באַדעקט איז דאָ אַלץ שוין
מיט צוויט און מיט בלום,
וואָס שפרייטן פונאַנדער די דופטן;
די בערג — אַזוי שיין,
און דער גאַנצער אַרום.
עס פילט זיך דער זומער אין לופטן.

דיביימער די שטאָלצע
אין יעדער קאָליר,
באַוואָקסן געדיכטע מיט בלעטער;
און קוק איך אויף זיי נאָר
אַ נחת איך שפּיר,
זיי זאָגן געזונט צו אויף שפּעטער.

די פייגל זיי טאַנצן
אויף איטלעכן צווייג,
און פריילעך זיי זינגען זיך לידער;
זיי לאַכן פון מענטש
וואָס וואוינט ווי אין שטייג
און קומט צו זיי יערלעך אַ מידער.

דער הימל ווי סאַמעט
איז ליכטיק און בלוי,
ער וועקט אין דיר ליבע־געפילן;
עס ווערט דאָ אין האַרצן
דיר וואַרעם אַזוי,
ווען וואָלקנדלעך קליינע זיך שפּילן.

איך און מיין בוים

ביי מיין פענצטער שטייט אַ בוים,
יאָרן ווי ער האַלט זיך קוים.
מ׳האָט פון אים די זון פאַרשטעלט
און פאַרטונקלט אים די וועלט.

צווישן בערג פון זאַמד און שטיין
שטייט ער עלנט דאָרט אַליין.
זיינע צווייגן דאַר און דין,
ניט ווי ביימער פון זיין מין.

זיינע בלעטער פון איין זייט
ווערן געל נאָך פאַר דער צייט,
וועלקן, דאַרן איין גאָר גיך
אין דער גרויסער שטאָט, ווי איך.

דאָך אין שאָפּ ביי דער מאַשין —
די זון קומט קיין מאָל ניט אַהין, —
איז גאַנץ אָפט ביי מיר אַ טרוים
צו פאַרברענגען ביי דעם בוים.

אָט אַזוי־אָ יעדע נאַכט
מ׳טרעפט אונדזביידן דאָ פאַרטראַכט:
ער איז געל און איך בין גרוי —
ביידע טרוימען מיר אַזוי.

ווינטערדיק

אָפּגעפאַלן אַלע בלעטער,
אומבאַשטימט איז שוין דער וועטער;
קאָנפערענצן און באַנקעטן
פילן אָן איצט די גאַזעטן.

ס׳איז די צייט פון נייע קליידער,
כאָטש זיי קויפן קען ניט יעדער.
גייט מען טאַקע מיט די אַלטע,
כאָטש די טעג שוין זיינען קאַלטע.

פעלדער, וועלדער, ערד און הימל
זיינען ווי באַדעקט מיט שימל.
און די לופט איז בלוילעך-גרוי,
און אַלץ דרימלט איין אַזוי.

גוט יום-טוב!

פסח קומט און פונקט אין צייט,
פרילינג איז שוין באַלד ניט ווייט;
די נאַטור וואַכט אויף צום לעבן, —
ס׳איז אַ יום-טוב פול מיט שטרעבן.

ס׳זיינען פייגל שוין געקומען,
ס׳וועלן וואַקסן שיינע בלומען,
און ס׳וועט ווערן פול די לופט
מיט אַ צאַרטן, מילדן דופט.

כאָטש ס׳איז יעדערער פאַרנומען,
זאָל מיין דיכטן זיי באַקומען.
טרעפן יעדן איינעם מונטער,
און צום יום-טוב אַ געזונטער.

הײנטיקער פּורים

אָט איז שוין איצט װידער פּורים
מיט דער מאַסקע װאָס פאַרשטעלט,
מיר האָבן װידער שוין יסורים —
ס'המנט װידער אויף דער װעלט.

מע לײענט װידער די מגילה
װאָס מיט אונדז געשען איז אַמאָל.
מע פאַרגעסט דערװײל אַפילו
אַז ס'הענגט דער שלום אויף דער שאָל...

ס'טוען פעלקער זיך פאַרשטעלן,
יעדער אײנער לויט זײן פּלאַן,
כאָטש פאַרשײדן איז דאָס „װעלן",
דאָך אײן ציל איז דאָ פאַראַן:

יעדער זוכט אַ פעטן ביסן,
װײטער גײט אים גאָרניט אָן.
מען איז גרײט אַפילו שיסן,
אײנצושטעלן אַלץ אין קאָן.

מע טאָר זיך אָבער ניט פאַרלירן —
ײדן, הײבט דעם בעכער װײן!
ס'קען אויך איצט אַ נס פּאַסירן,
ס'קען אַמאָל נאָך בעסער זײן!..

שלח־מנות

אַז „אַלע שיכּורים
זיינען ניכטער אום פּורים״
זאָגט זיך ביי יידן אַ וואָרט,
ביי מיר היינטיקס יאָר
ניט זיין וועט עס גאָר,
שוין גרייט האָב איך משקה אַ קוואָרט.

ניט המנס בלויז צוויי,
נאָר שלעק אַלערליי
וועלן באַגראָבן ווערן, איך האָף.
אָן משקה דער פּורים
פאַרשאַפּט וואָלט יסורים
פאַר מיר, ווי אַן אמתע שטראָף.

אַ סך המן־טאַשן
דעם פּורים צו נאַשן,
האָב איך ביי מיין ווייבל באַשטעלט:
ס'וועט זיין די ידיעה,
„די היטלערס אויף תליה״
דער גרעסטער „שלח־מנות״ דער וועלט.

דריי ליבע געסט

פּסח, פרייהייט, פרילינג־ניי,
ליבע געסט פֿאַר אונדז, די דריי.
קומען יערלעך אין דער צייט,
קומען שטענדיק זייט בײַ זייט.

גאָלדיק שײַנט שוין אויף די זון,
פלײַנען גרינען שוין דערפון;
קנאָספּן אויפן הויכן בוים
וועקן אויף אים פון זײַן טרוים.

און דער הימל — ערשט נאָך גרוי,
איז איצט לויטער, טיף און בלוי.
ווידער קוקט ער אויס איצט שוין,
ווי אַ שיינע, גרויסע קרוין.

פרישער שמעקט שוין איצט די לופט,
אַלעס ווינקט, און ציט און רופט;
האַנט פון ווינט, ווי אויסגעשטרעקט,
גלעט אונדז ליבלעך און זי וועקט.

וועקט צום לעבן גאָר אויפסניי,
אָט די ליבע געסט, די דריי!

צוויי פרעסערס

(צום אָנדענק פון צוויי יונגע פרעסערס, וואָס זיינען געפאַלן אין שלאַכט)

ס'האָבן צוויי פרעסערס געלעבט
שטיל און באַשיידן.
איז געקומען דער טויט
און גענומען זיי ביידן.

און כאָטש נאָך גאָר יונגע
און פול נאָך מיט לעבן,
האָט דער מלאך־המות
דעם טויט זיי געגעבן.

צו הילף זיך גענומען
אַ רעגן, אַ שניי,
און אין פעלד איז געבליבן
קברים נאָר צוויי.

און אויב עס איז אמת,
אַז ס'איז דאָ אַ גן־עדן,
זיינען זיכער די טירן
דאָרט אָפן פאַר ביידן.

ביי אונדז איז אַ טרויער
אין אַלעמענס אויגן —
פאַר יענע צוויי ברידער
מיר שטייען געבויגן.

די פליכט פון דער שעה

עס קומען די העלדן פון פראָנטן צוריק,
ס'איז פריילעך אין הייזער, ס'איז פריידיק די גאַס.
און וואו נאָר עס פאַלט פון אויג נאָר אַ בליק
איז פול דאָרט מיט יוגנט, מיט פרייד און מיט שפּאַס.

מען יום־טובט אַ טאָג, און צוויי, און אַ וואָך, —
עס קומען דערנאָך די טעגלעכע זאָרגן.
ס'איז טאַקע דער היינט אַזוי ליכטיק, און דאָך
ס'שרעקט מערסטן אַן אומזיכערער מאָרגן...

די טעג ווי די טעג, — ס'איז ערגער די נאַכט,
ווען מע קען זיך צו עפּעס דערקלערן:
איז אפשר געווען אומזיסט יענע שלאַכט? —
די וועלט וויל גאָר בעסער ניט ווערן!

איז אומזיסט די יוגנט פאַרשניטן געוואָרן?
געפאַלן ווי סנאָפּעס פון שטרוי? —
עס ברענט אין טויזנטער הערצער אַ צאָרן:
„עס טאָר מער ניט בלייבן אַזוי!"

עס טאָרן פאַרביטערט ניט ווערן די מאַסן,
מע טאָר זיי ניט צאָלן מיט סם!
ווייל פונקען וואָס טליען אין זאָרג און אין האַסן
ברעכן אויס אין אַ שרעקלעכן פלאַם.

מיר זיינען זיי שולדיק, מיר מוזן זיי געבן,
פון דאגות מאַכן זיי פריי.
מיר מוזן זיי געבן אַ זיכערן לעבן,
אַ רואיקס, אַ גוטס אויף דאָס ניי!

אין דאָרף זומערצייט

גרינע גראָזן
אין דעם גאָרטן,
ווינטלעך בלאָזן
מילד פון דאָרטן.

טייכלעך גלאַנצן
פון דער ווייטנס;
פייגל טאַנצן
ביי די זייטן.

ביימער הויכע,
ווי גיגאַנטן,
גריסן מיך
ווי אַן אַלט־באַקאַנטן.

פריילעך־פריידיק
איז דאָס זשומען,
שטאַרק צופרידן
מיט מיין קומען.

שמחת־תורה

נו, איז ווידער שמחת־תורה,
טוט מען תפילה, טרינקט מען וויין;
ווידער דאַנקען מיר דעם בורא, —
יאָ, ס'איז גוט אַ ייד צו זיין.

ווידער טראָגן מיר די פאָנען
מיט די עפּל צונטער־רויט;
און ווי גלעקלעך, וואָס מיר קענען
דאַנקען ניט נאָר בלויז פאַר ברויט.

מ'האָט די תורה אונדז געגעבן
אַזוי פיל דורות לאַנג־צוריק.
זי איז אַ טייל פון אונדזער לעבן, —
דאָס איז אפשר אונדזער גליק.

אפשר האַלט אונדז אויף די תורה,
(ס'דענקען אַנדערע פאַרקערט)
און דאָס שיצט זי אונדז אָן מורא, —
ס'איז אפשר בלויז נאָר אונדז באַשערט.

יום־טוב־טעג

שוין ווידער דאָ די יום־טוב־טעג,
און איך טראַכט פון ערגעץ ווייט,
וואו מיין פאָלק איז אויפן וועג
אַזאַ לאַנגע שווערע צייט.

וואַלגערט זיך נאָך אַלץ אַרום,
מע לאָזט אין ערגעץ ניט אַריין,
און די וועלט איז טויב און שטום
צו זיין קרעכץ פון ווי׳ און פיין.

גרויס און שיין איז דאָך די וועלט!
וויפל, וויפל איז דער שיעור.
אַז נאָר פאַר אונדז זאָל זיין פאַרשטעלט
יעדער וועג און יעדע טיר.

מוזן מיר דען אייביק ליידן,
זיין געיאָגט פון ווילדע וועלף?
קען מען דען דאָס ניט פאַרמיידן? —
גאָט אין הימל, העלף שוין, העלף!

זאָל זיין געענדיגט די שווערע שטראָפן!
גיב, גאָט, אַ גוט יאָר די יידן,
פול מיט פרייד און גליק און האָפן
אין אייגן לאַנד אין רו און פרידן.

25 יאָר שלום־עליכם שול 45

שולן לעבן פונקט ווי מיר, —
ברייט צעעפנט איז די טיר.
מענטשן פרעמדע ווערן פריינד,
ס׳בינדט דער נעכטן זיי מיט היינט.

ס׳שוועבט אַרום דאָ אַלע מאָל
עכאָס פון אַ קינדיש קול.
אין יעדער ווינקל זיצט אַ ייִד,
זינגט דאָס אייביק ייִדיש ליד.

פינף און צוואַנציק יאָר אין שפּאַן, —
ס׳איז ייִדיש לעבן דאָ פאַראַן!
ס׳איז שטענדיק יום־טוב דאָ געווען,
וואו האָט מען אַזעלכעס געזען?

כאָטש די אַרבעט שווער זעט אויס, —
דער ציל איז אָבער שיין און גרויס.
און ווען מיר קומען דאָ אין שול,
ווערט דאָס האַרץ מיט שמחה פול.

פאַר יעדן קינד איז דאָ אַן אָרט,
עס קלינגט דאָ שטאָלץ דאָס ייִדיש וואָרט.
קומט זשע אַלע, קליין און גרויס
בויען אונדזער ייִדיש־הויז.

דאָס שטערנדל

„דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" — פלעגן סעמען קליינערהייט רופן זיינע חברים מיט חוזק, פאַר זיין ערלעכקייט. סעם האָט קיין מאָל ניט געוואָלט זאָגן קיין ליגן, אַפילו ווען עס האָט געמיינט קלעפּ פון דער חברה, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין גאַס.

פלעגן זיי צעברעכן אַ פענצטער אַדער אַזוי אָפּטאָן אַ שטיפעריי וועמען ניט איז און אַנטלויפן, פלעגט מען סעמען אַלע מאָל כאַפּן. מע פלעגט טאַקע נאָך אים זיך יאָגן, מחמת די גאַנצע געגנט האָט שוין געוואוסט, אַז ער וועט שוין אויסזאָגן.

אַ זון פון אַן אָרעמען שניידער, וואָס האָט געהאַט זיין סטאָר־קע אין ריווינגטאָן סטריט, מיט אַ וואוינונג פון צוויי צימערן הינטערן סטאָר, אָן ליכט, אָן לופט, האָט סעם אָפּט צוגעקרענקט, איז אויפגע־וואַקסן אַ שוואַכער, אַ קליינער, אָבער אַן איידעלער ביז גאָר, — די ער־לעכקייט אַליין.

דערפאַר איז ער אָבער ניט געווען קיין טרויעריקער. טאַטע־מאַמע פלעגן זיך טאַקע וואונדערן: וואו נעמט זיך עס צו אים: נאָר ער זינגט! אַפילו בשעתן מאַכן זיינע לעקציעס פלעגט ער אויס־זינגען אַלע נייע לידער, סיי ענגלישע און סיי יידישע.

די קרובים פלעגן שוין וויסן און טאַקע אים איינלאַדן אַ מאָל צו אַ שמחה, ער זאָל זינגען. און סעם, אַ פאַררויטלטער, אַ פאַרשעמ־טער, פלעגט זינגען מיט זיין ציטעריק, קוויטשעדיקן קול. די מאַמע פלעגט שטיין ביי דער זייט און איר איינגעפאַלענער ברוסט־קאַסטן פלעגט זיך הייבן מיטן ריטם פון ליד; דאָס פלעגט זי אַזוי שווער אָטעמען און ווישן אַ טרער בשעת־מעשה...

סעם איז אויפגעוואַקסן און זיך גענומען צו דער מאַשין. פונקט ווי זיין טאַטע — געניט, געניט קאַמזוילן, הייזן, קליידלעך. און קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט האָט ער פון קיינעם ניט געהאַט. קיין שיינער — ניט, קיין רעדנער — ניט, קיין גרויסער העלד — אויך ניט. אַ „האַנט" ביי דער מאַשין.

נאָר פון מאָל צו מאָל פלעגן זיך אויסדרייען אַ פּאָר פאַרבענקטע אויגן פון אַ מיידל צו זיין מאַשין. דאָס איז געווען, ווען סעם האָט זיך שטיל און האַרציק צעזונגען.

יאָרן זיינען זיך געגאַנגען. מיידלעך און חברים האָבן חתונה געהאַט. „און איך ?" — פלעגט סעם טראַכטן, אפשר אַ זיפץ טאָן — דאָס אַלעס... אַז ער האָט גאָר ניט דעם מוט עפּעס ווען פאַרצולייגן. ער פלעגט אפשר שטיין ביים שפּיגל און זיך באַטראַכטן פון אויבן ביז אַרונטער און טראַכטן : „אפשר אַ נס — פּאַסירן דאָך ניסים אויך"...

עפּעס האָט יאָ מרים די „דרייפּערין" אָנגעהויבן קוקן אויף אים לעצטנס אַפּטער ווי אַמאָל. זאָל עס זיין בלויז זיין זינגען? אָבער ער וואָגט ווייטער ניט צו טראַכטן... איז זי דאָך מיט אַ קאָפּ העכער פון אים, הייִנט שיין... נו, ווער ווייס ?

און ווען סעם פלעגט זען ווי היימי דער צושניידער שאַרט זיך צו מרימען, ווי ער טראַקטירט איר אפשר מיט אַ סאָדע, צי עפּעס אַנדערש, פלעגט ער אים אַזוי מקנא זיין... „אוי, ווען ער האָט יענעמס מוט !" — פלעגט ער זיך טראַכטן.

אָבער אַט איז היימי אַ חתן געוואָרן פאַר אַן אַנדער מיידל און עס הערט זיך, אַז באַלד־באַלד גייט ער חתונה האָבן. „אפשר טאַקע דערפאַר? הא ?" — פלעגט סעם טראַכטן. — „אפשר טאַקע דערפאַר קוקט עס מרים צו מיר ? קיין יונגיטשקע איז זי דאָך שוין ניט, און אפשר טאַקע עלטער פון מיר... מיר וואָלט ניט געאַרט !" — פלעגט ער ריידן צו זיך אַליין.

ס'איז געווען זומער. אַן עקסקורשאַן פון דער יוניאָן. אַלע פאָרן, אַלע זיינען פריילעך, אויפגעלייגט. מ'זינגט, מ'טאַנצט. סעם מעגנטשלט זיך, ווייזט זיין טאַלאַנט, זינגט די האַרציקסטע לידלעך. מרים דרייט זיך אַרום אים, וואַרפט אים צו אַ שמייכל. סעם איז אויפן זיבעטן הימל, גליקלעך... עס ווערט נאַכט. מע פאָרט אַהיים.

סעם געדענקט ניט גענוי ווי אַזוי. די נאַכט איז געווען אַ שיינע, אַ שטערנדיקע. די שיף גליטשט זיך אויפן וואַסער, ווי אויף סאַמעט. אים איז געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן, ווי קיין מאָל ניט. ערגעץ אין אַ ווינקעלע איז ער געזעסן, לעבן אים — מרים. און ער האָט שטיל געזונגען מיט אַזוי פיל געפיל דאָס ליד :

דאָרט אין הימל
זע איך שײַנענדיק
קלײנע שטערנדלעך
שײנע אָן אַ שיעור,
נאָר אײנם זע איך
דאָרט װײנענדיק . . .

און פּלוצעם איז אים מרים געפאַלן אויפן אַקסל און זיך שטאַרק צעװײנט . . .

*
**

שוין צװאַנציק יאָר װי זײ זײנען פאַרהײראַט. זײ האָבן אַ שײ־נעם זון װילי, געראָטן אין דער מאַמען. קײן גליקלעך לעבן האָבן זײ קײן מאָל ניט געפירט, אָבער זיך ניט געקריגט, חלילה. אַלע יאָרן איז מרים געגאַנגען אַרבעטן. די הײם איז איר געװען ענג. עפּעס האָט איר געפעלט... „עפּעס" — װאָס זי אַלײן האָט עס בײם נאָמען ניט געקענט אָנרופן...

סעם האָט געװאוסט, אַז מרים טרעפט זיך מיט פרײנד, מיט באַקאַנטע. פאַרברענגט מיט זײ אָפט. זײן האַרץ האָט אים װײ געטאָן פאַר מרימען, פאַרװאָס ער קאָן איר ניט געבן דאָס, נאָך װאָס זי בענקט. „װען איך קאָן אויפשנײדן מײן האַרץ פאַר איר" — פלעגט ער טראַכטן, אָבער שװײגן. לײדן און שװײגן.

דעם זון האָט ער כמעט אַלײן דערצויגן און װילי האָט אים פאַר־שטאַנען, כמעט ניט אָפּגעטרעטן פונעם טאַטן. װי צװײ געטרײע חברים פלעגט מען זײ שטענדיק זען צוזאַמען. לעצטנס איז אויך מרים אָפטער געבליבן אין הויז, און כאָטש סעם האָט געװאוסט, אַז דאָס איז איר רומאַטיזם, צוליב װעלכן זי בלײבט אין הויז, האָט ער מיטגע־פילט אירע שמערצן. עס האָט אים אַ ביסל געפרײט אויך. זאָל זײן אַזוי, אַבי אין הויז, אפשר װעט ער איר קענען אַרויסװײזן אַ מאָל כאָטש געטרײשאַפט דורך געבן אַ מאַסאַזש.

די שטימונג בײ סעמען האָט זיך צוביסלעך גענומען בײטן. ער פלעגט אָפטער פאַרציען אַ לידעלע, אָבער ניט לאַנג האָט דאָס אָנגע־האַלטן. מען האָט זײן װילין גערופן אין מיליטער. גערופן און גענומען. און פאַרבליבן איז נאָר אַ צײכן — אַ „שטערנדל", װאָס סעם האַלט אין

אין באַטראַכטן. באַטראַכטן און גלעטן. און עס בענקט זיך אַ שרעק! זיינען זיי דאָך געווען מער ווי טאַטע און זון — אמתע פריינד... זיצט סעם ביי דער מאַשין אַן איינגעקאָרטשעטער, עפּעס איז ער גאָר קלענער געוואָרן, דאַרער, נעבעכדיקער...

ס׳איז אין ברען פון סעזאָן. אַלע אין שאַפּ איילן זיך. מ׳נייט שנעל. ס׳איז פּריימיק. אַ רעש — מ׳נייט, מ׳רייסט פון די הענט. נאָר סעם זיצט אַ שטילינקער, נייט פּאַוואָליע. „ניטאָ וואָס צו איילן זיך" — טראַכט ער. „ווער ווייס, אפשר בענקט ער אויך? פּונקט ווי איך דאָ"... און ער דערמאָנט זיך: ווילי איז קליין, דאָס ווייב איז אין הויז ניטאָ, דעם קינד גייען ציינדלעך, האָט שטאַרקע ווייטאָגן, בייסט די הענטלעך, קען ניט אַנטשלאָפן ווערן, און ער, סעם, וויגט אים, וויגט און זינגט. און אָט זינגט ער דאָס לידעלע: „דאָרט, דאָרט אין הימל זע איך שיינענדיק קליינע שטערנדלעך"... סעם האָט זיך פאַרגעסן פאַר אַ מינוט, וואו ער איז, און זיך צעזונגען אויפן קול.

די אָפּערייטאָרס קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן פּאַוואָלינקע און מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אין סעמס זייט. סעם האָט געגלעט דאָס שטערנדל, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין וועסט, נאָענט צום האַרצן און טרערן האָבן גערונען פון זיינע אויגן... די קעפּ האָבן אַ שאָקל געטאָן מיט רחמנות און נאָך שנעלער פונאַנדעריאָגט די מאַשינען...

אָפּגעדרעכנט

קיין צערטלעכקייט האָט דער 21־יאָריקער בעני קיין מאָל ניט געקראָגן.

זיינע עלטערן אָרעמע, שטענדיק פאַרנומענע מיט דאגות־פּרנסה האָבן אַפילו קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. עס איז דאָך קיין מאָל קיין צייט ניט געווען פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן...

דער עלטסטער פון פינף האָט בעני שוין קליינערהייט געפילט אַז עפּעס פעלט אים, אָבער וואָס? האָט זיין קליין קעפּל ניט באַנו־מען. האָט זיך אַנטוויקלט ביי אים אַזאַ ווידערווילן צו מענטשן, און ער האָט זיי אויסגעמידן. שטענדיק זיך געשפּילט אַליין מיט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געמאַכט. פיל מאָל פלעגט ער זיצן אין אַ ווינקל אַ פאַרטראַכטער, — ווי אַ קליין דערוואַקסן מענטשעלע, זיצן, טראַכטן און טראַכטן, אַפילן אין עסן פאַרגעסן, ווייל עס איז ניט געווען ווער ס׳זאָל אים דערמאָנען, רופן...

זיין גופעלע איז טאַקע ווייניק וואָס געוואַקסן דערפאַר. אַ דאַ־רינקען, מיט אַ גרין געלבלעך קאָליר, נאָר אויגן שוואַרצע, קלוגע האָבן אויף דער וועלט ווי מיט ביטול געקוקט...

דער איינציקער וואָס האָט פאַר אים וועלכן עס איז אינטערעס געהאַט איז געווען זיין שול־לערער.

אָן ווערטער האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען. איינער דעם צווייטן געאַכטעט און געפאָלגט. און כאָטש מיט די קינדער האָט בעני זיך ניט געשפּילט, זיינען דאָס אָבער געווען זיינע בעסטע יאָרן, אָט די סקול יאָרן.

בענין האָבן די סענטימענטן געשטויסן צו לערנען. ער פלעגט פליסיק שטודירן ווען די אַנדערע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין גאַס. זייערע שפּילן און געשרייען האָבן אים ווייניק־וואָס באַאומרו־איקט אָדער געשטערט, אדרבה, ער פלעגט נאָך פליסיקער ווערן, ווי מיט זיין לערנען וואָלט ער וועלן זיך און זיי איבערשרייען...

גאַנץ שווער איז אים אָנגעקומען דורכצומאַכן הײַ־סקול, קאַ־

לעדזוש. ער האָט אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע אַרבעטן געטאָן. געטראָגן באַשטעלונגען אין בוטשער־שאַפּ, אין גראָסערי. טייל מאָל שווערע, צו שווערע פּעק פאַר זיין קליין ניט דערוואַקסענעם גוף, אָבער געטראָגן און זיך דערטראָגן. געענדיקט אויף דענטיסט. בעני אַ דענטיסט? עפּעס האָט עס זיך אים ניט געגלייבט. זיין פאַרגעפיל האָט אים ווי פאָרויס געזאָגט, און ער האָט זיך טאַקע ניט צופיל גע־פרייט מיט זיין דיפּלאָמע. עפּעס האָט דאָס שטיקל פּאַפּיר אים ניט געוואַרעמט...

וואָכן לאַנג האָט בעני זיך געדרייט אויף די גאַסן פון שטאָט, אַלע טירן ווי פאַרמאַכט, — אַז מען דאַרף ניט קיין דענטיסטן. ווער דאַרף דאָס אַזוי פיל דענטיסטן? ווער?

און בעני איז געוואָרן אַ פּרעסער, אַ פּרעסער ביי פרויען־קליי־דער. ניט לייכט איז עס אים אָנגעקומען, אָט דאָס לערנען זיך די מלאכה. דער באָס, דאָס יוניאָן־ביכל קריגן.

כאָטש דעם שאַפּ, די אַרבעט האָט בעני יאָ „געגליכן", אָבער די אַרבעטער, דאָס קריגן זיך איבער יעדער נאַרישקייט. דאָס ניט וועלן ליידן יעדע קליינע עוולה, דאָס ניט אָפּשאַצן דעם מיטאַרבעטער, האָט אים דענערווירט. „קבצנים"—פלעגט ער טראַכטן—„קענען זיך ניט אייניקן, דער באַלעבאָס נוצט עס אויס פאַר זיינע אינטערעסן, און זיי פאַרשטייען עס אפילו ניט".

איבערהויפּט האָט בעני געהאַט פאַריבל אויף מעקס דעם פּרע־סער, — אַן אַלטער בחור וואָס האָט ניט גערעדט, נאָר געשריען, מעשה פאַרמאַן, ספּעציעל אויף אים, אויף בענין. פאַר יעדער קליי־ניקייט זיך משעפּען, זיך רייצן הלמאי ער אַ „געבולבעטער" מוז פּרעסן פּונקט ווי ער. אים אַריינזאָגן אין דער זיבעטער ריפּ.

— „וואָס טויג דיין בילדונג? אַז איך, אַ גראָבער־יונג, פּרעס בעסער, שענער, און שנעלער פון דיר. דו דענקסט, דו רייסט ציין? קוק אים נאָר אָן דעם דענטיסט? ווי ער שוויצט, כאַ, כאַ, כאַ". און ער פלעגט זיך שטאַרק צעלאַכן, אַז אַלע אַרבעטער פון שאַפּ זאָלן זיך אַזש אומקוקן.

בעני איז ווי נאָך קלענער געוואָרן דעמאָלט. דאָס פּנים נאָך גרינער, און ווי פאַרלאָרן זיך זעצן אין אַ ווינקל און שווייגן...

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז בעני געווען צווישן ד'
ערשטע אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי.

דאָס סאָלדאַטסקע לעבן איז אים געפעלן געוואָרן. מיט איפער און פליים האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. שנעל איבער־גענומען, און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט געשטיגן פון ראַנג צו ראַנג.

זיך אויסגעצייכנט, געקראָגן אַנערקענונג און ליבע.

עפעס גאָר אַן אַנדערער איז בעני געוואָרן. האָט זיך העכער, שטאַרקער. דער קאָליר פון פנים ברוין, די אויגן קלאָר און שיינענ־דיקע, און זיי לאַכן אָפט. יאָ גאַנץ אָפט.

בעני לערנט שוין סאָלדאַטן. אַלע מאָל קומען נייע, ער לערנט זיי אויס, און עס קומען נייע. און ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט.

לעצטנס נעמט מען אַן אויך עלטערע בחורים אין דער אַרמיי און זיי מוזן גיין. מיט דעם לעצטן טראַנספּאָרט איז אויך מעקס גע־קומען אין קעמפּ. אָט יענער מעקס וואָס האָט אים, בענין אַזוי גע־צאַפּט דאָס בלוט... אַי ווי ער האָט דאָס געוואַרט אויף אים...

טעגלעך מאַכט מען מאַנעווורעס, שווערע אַרבעט, אָנגעשטרענג־טע אַרבעט. די אָפיצירן קענען גאָר ניט פאַרשטיין, וואו נעמט זיך אַזוי פיל כוח צו די ניי געקומענע? — און צו דעם שוואַרצן און קליי־נעם בענין, דעם סאַרדזשענט זייערן? און ווי פריילעך ער איז דאָס, ווי מונטער.

זיי ווייסן ניט, אַז דאָס רעכנט ער זיך אָפּ מיט דעם גראָבן יונג, מעקס דעם פרעסער, פאַר זיינע אַמאָליקע זינד...

דער „דזשאַבניק״

(אַ מאָנאָלאָג פון אַן אַרבעטסלאָזן פרעסער)

אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט בעל־מלאכות. אַז אַלץ איז אַ פרעסער אין אַמעריקע! געאַרבעט אַ וואָך, צוויי, געקראָגן אַן אייזן, אַ יוניאָן־ביכל, אַ גרויס מויל — און „רייסט טיקעטס״.

אַמעריקע גנב! איר האָט געדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַ חוצפה דאָס שטייט זיך און אַרבעט. אַרבעט? — שיסט אַז ס׳גייט אַזש אַ רויך! עפּעס גאָר ניט ווי אַמאָל.

איר הערט? איך בין אַ „דזשאַבניק״, בין איך. ס׳הייסט קיין שטענדיקן פּלאַץ צו דער אַרבעט האָב איך ניט. כ׳מאַך אַ דזשאַב, אַ טאָג ביי דעם, אַ טאָג ביי יענעם. איז פאַל איך נאָך אַריין צו אַ נאַש בראַט, צו אַן אייגענעם, אַן אָלד־טיימער, איז נאָך האַלבע צרות. נאָך אַלעמען, ס׳איז דאָך עפּעס הערשל, איז מען דאָך; שייך צו זאָגן, דאָך עפּעס אַ בעל־מלאכה. געאַרבעט ביי סאַדאָפּסקין....

עך, עך, עך, מ׳דערמאָנט זיך אָן די אַלטע צייטן, גרין סטריט, ספּרינג סטריט, אַ בעל־מלאכה איז געווען טאַקע אַ בעל־מלאכה. אויסגעפּרעסט אַ „שעיפּל״ איז עס געווען געפּרעסט! היינט דער פאָרמאַן — אַ גוטער ברודער, אַ ציגאַרעטל, אַ מאָל אַ „פּיטשערל״ ביר. אַרבעט איז געווען אַרבעט. אָבער היינט? — ווער מיר אַרבעט? וואָס מיר אַרבעט? היינט ווייס מען איין זאַך — „טיקעטס״. וואָס גייט אים אָן „סליווס״, „שעיפּס״, אָדער „פּליטס״? אַ נו, גיט נאָר אַ היינטיקן פרעסער „פּליטס״ וועט ער אייך אָנקוקן ווי אַ משוגענעם . . . — „וואָס איך בין עפּעס אַ פּליטער געוואָרן אויף דער עלטער? טענהט ער, — „פּליטס איז זיך אַ באַזונדערע טרייד״, — זאָגט ער, — „מיט אַ באַזונדערע יוניע. פּרעסט אים גאָר פּליטס, פּרעסט אים. האָט איר געהערט אַזוינס?״

איז די וואָך, איר הערט? פאַל איך אַריין אין אַ פּלאַץ, שטייען זיך דאָרטן פיר יונגע לייטלעך ווי דאָקטוירים, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, מיט ווייסע קאָלנערלעך, מיט די שיינע קראַוואַטלעך,

מיט די ציגאַרעטלעך אין די מיילער און מ׳שיסט. שייך שיסן, עס גייט אַזש אַ רויך. ביז איך האָב מיר אויסגעווישט די ברילן, פאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעטאָן דאָס פאַרטעך, האָבן זיי שוין... נו, נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן. היינט גיי און לויף זיי נאָך.

אַ קיצור, כ׳וויל דאָך כאָטש עפּעס אויפטאָן. נאָך אַלעמען איז עס דאָך עפּעס אַ פראַגע פון „טיקעטס". נו, און פרעסטיזש איז אַ הונט? כ׳שטיי דאָך עפּעס אין שידוכים, שטיי איך דאָך, אַ דזשאָבניק. כ׳ווייס? אפשר וועט זיך דאָך מאַכן אַ פּלאַץ צו דער אַרבעט. איז ווי אויף להכעיס פאַלט עס מיר פון די הענט. דאָ רינט דער אייזן, דאָ פאַרדרייט זיך די „פּייפּ", דאָ פאַרטשעפּעט זיך מיר די דרעס, די שפּרונזשינקע, אַז מ׳קען פּשוט צעפּלאַצט ווערן.

מילא, פאַרפאַלן! — טראַכט איך מיר. וואָס קען איך זיך העלפן? כ׳בין אויף צרות. און דאָ שטייט זיך דער „קוואָרטעט" און קוקט אַפילו ניט אין מיין ווינקל. ניט מע זאָגט, ניט מע פרעגט, ניט מע רעדט צו מיר. און צוריק רעדנדיק, זיי האָבן דען צייט, האָבן זיי? אַז נאָר מע שאָקלט זיך, מע וואַרפט זיך, כ׳וואָלט שווערן אַז זיי טאַנצן דאָרט ביי דער „ביגל-באַקס". און ווי אַן אמתער קוואַרטעט זינגט מען זיך צו דעם נייעם חד־גדיא — „מערזי האָוץ" און „איי־וויי". אַזוי אַ גאַנצן טאָג „מערזי האָוץ" אַהין און „איי־וויי" אַהער, אַז מע קען משוגע ווערן!

קוים מיט צרות דערלעבט דעם פאַרנאַכט. איבערנעמענדיק מיין ביסל טיקעטס, האָבן זיך חברה איבערגעוואונקען. ס׳האָט געמיינט — „אַי האָט ער דאָס אַריינגעשאָכן"...

און ווען איינער פון זיי, גראַדע אַ וואויל בחורל האָט מיר דערלאַנגט די פּאָר טולער, האָט ער מיר מיט אַ שמייכל, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן געזאָגט: — „מיסטער, איר זענט אַפּנים אַריינגעפאַלן. און צוגעגעבן סאַרקאַסטיש: דאָס איז „טשיינאַ טאַון", יו נאָו! דאָ פרעסט מען ניט קיין סעמפּלס"...

נו, וואָס זשע זאָגט איר, וואָס? דאַרף מען בעל־מלאכות הייניטיקע צייטן? אַז אַלץ איז אַ פרעסער אין אַמעריקע...

אַ לעבן פון „טעג״

ערשט עטלעכע חדשים ווי שוואַרץ איז צוריקגעקומען צו זיין אַמאָליקן טרייד. געוואָרן אַ יוניאָן־מאַן און פרעסט קליידלעך.

עפּעס איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן אין דער קורצער צייט. רעדט צו מענטשן, הערט זיך צו צו אַ דיסקוסיע און וואַרפט אַ מאָל אַריין אַ וואָרט, אַפילו אַ שמייכל ווייזט זיך לעצטנס אויף זיין פּנים, וואָס איז כמעט ווי אַפּגעוואוינט פון דעם. עפּעס זיינען זיינע פינף־און־זעכציק יאָר אים גרינגער געוואָרן. די פּלייצע אויסגעגלייכט, די אויגן קוקן אַפיר פון די דיקע אויגן־גלעזער מונטערער, מיט בטחון.

פּונקט ווי אַ פרומער ייִד די שול, אַזוי פאַרפעלט ניט שוואַרץ זיין יוניאָן. יעדן פרימאָרגן, אַזוי שנעל ווי דער אַפּיס עפנט זיך, כאַפּט זיך שוואַרץ אַריין אין לייען־זאַל פון דער ביבליאָטעק, קוקט איבער די נייעס אין די צייטונגען און גלעט בשעת־מעשה די באַקוועמע שטול אין וועלכער ער זיצט זיך אַזוי רחבותדיק...

קיין שטענדיקן פּלאַץ צו דער אַרבעט האָט נאָך שוואַרץ ניט. בלייבט ער אָפט אין דער יוניאָן־ביבליאָטעק כמעט דעם גאַנצן טאָג. און באַקוקט די לאַנגע פּאָליצעס מיט ביכער. זיין בליק גלעט די רוקנס וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין שורות הינטער די גלעזערנע טירן. עס דערמאָנט אים אָן דער ישיבה, אָן די בתי־מדרשים, וואו ער האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט. זיינע אויגן לאַסטשען די ביכער פּונקט ווי זיי פלעגן אַמאָל גלעטן די גמרות — זיינע איינציקע פריינד אין יענער צייט.

זיצנדיק אין לייען־זאַל פון זיין יוניאָן, טויכן אויף ביי שוואַרצן אין זכרון עפּיזאָדן פון זיינע איבער זעקס צענדליגג יאָר לעבן. אַ לעבן פון „טעג״ איז עס געווען. מערסטנס שלעכטע טעג, אָפט אויס־זיכטלאָזע טעג...

אָט זעט ער זיך אַלס קליין ייִנגל. אַ גוטע קאָפּ, פאָרט ער אין דער ישיבה צום ערשטן מאָל. די מאַמע גיט אים מיט אַ לייוונט־זעקעלע. דאָרט ליגן די תפילין, אַ העמד, אַ שטיקל ברויט, און —

אַ שטיק פון דער מאַמעס האַרץ. זי זאָגט גאָרנישט, די מאַמע. אָבער אירע אויגן — ער קען זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

דער וואָגן רירט זיך, פאָרט אָפּ. דאָס שטעטל איז שוין ווייט פון הינטן. קוים דער שפּיץ קלויסטער זעט זיך נאָך. אָבער דער מאַמעס אויגן באַגלייטן אים דעם גאַנצן וועג, דאָס גאַנצע לעבן...

און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן זיין לעבן פון „טעג". דאָס מזל האָט אים אָפּגעגליקט אין דער ישיבה־שטאָט. ער האָט געקראָגן „טעג" אין רייכע הייזער. געגעגן צו עסן, אָבער עס גייט נישט איין. אַז נאָר מע לערנט אים מאַניערן. ווי אַזוי צו זיצן, ווי צו האַלטן דאָס לעפל, דער ביסן בלייבט שטעקן אין האַלדז. ישוין בעסער האָט ער געטראַכט, די טעג וואָס פעלן אויס, הונגעריקע טעג, אָבער פריי.

און אַט דערמאָנט ער זיך ווי ער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע. אַ פרוי, צוויי קינדער, אַן אַ מלאכה אין האַנט. אַ לאַנדסמאַן האָט זיך אויף אים מרחם געווען. אַריינגענומען צו זיך אין שאָפּ. ער שטופּט אַ וועגעלע מיט קליידלעך. אַרבעט שווער, קערט דעם שאָפּ, גייט אַ גאַנג, טראָגט אָפּ אַ פּעקל. די פּרעסערס זיינען אים מקרב און ער ווערט אַ פּרעסער.

צענדלינגער יאָרן געפּרעסט, יאָרן אָנגעזאָפּט מיט שוויים און מי. שלעכטע, פאַרשטיקטע שעפּער, האַרטע באַסעס, טעג פון פּראַצע, לאַנגע שטונדן. אָבער דאָס איז נאָך געווען גוט. ערגער איז געווען דאָס זוכן אַ דזשאַב, אַ טאָג אַרבעט.

ער דערמאָנט זיך אַן די „מאַרקעטס". ווי די גויים אויפן שטעטלשן מאַרק פלעגן שטיין מיט די העק אויף די פּלייצעס, פלעגט ער שטיין אויפן ראָג אין היץ, אין רעגן, אין שניי, אויסקוקן אויף אַ פאַרדינסטל פון אַ פּאָר האָלער פאַר לאַנגע שטונדן פּראַצע, און אַפילו דאָס האָט מען אָפט ניט געקראָגן

זיין געדאַנק טראָגט זיך איבער אויף דעם היינט און אַ גליקלעכער שמייכל צעשפּרייט זיך איבער זיין פּנים. היינט אויך טעג, טעג אַרבעט. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד, וואָס פאַר אַן אונטערשייד!

ער באַלאַנגט צו אַ יוניאָן. זיין יוניאָן האָט איינגעפירט פאַרזיכערונג פון טעג אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע. טעג אַרבעט אונטער יוניאָן־באַדינגונגען, אונטער יוניאָן־קאָנטראָל, פאַר יוניאָן־ געהאַלט. אַז ער איז איצט גאָרנישט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַ

שטענדיקן אַרבעטס־פּלאַץ. צו וואָס זיין צוגעבונדן? ווער האָט עס אין די יאָרן געדולד צו פרעסן „סעמפּלס", האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט? עטלעכע טעג אַרבעט אַ וואָך און ער האָט גענוג. בלייבט נאָך אַפילו אויף צו קויפן עפּעס פאַר די אייניקלעך.

דער פאָדעם פון זיין געדאַנק וויקלט און וויקלט זיך. נישטאָ מער דער „חזיר־מאַרק". נישטאָ די באַליידיקונג, די גראָבקייט. די באַנעמונג פון די פרעסערס איז גאָר אַן אַנדערע, אַ ברידערלעכע. גאָר אַן אַנדער פאָלק געוואָרן. היינט די באַאַמטע, דער דרך־ארץ פאַר מענטשן, דאָס גרייטקייט צו העלפן. ביי דעם געדאַנק באַטאַפּט שוואַרץ זיין בוזעם־קעשענע, וואו עס ליגט ביי אים דאָס יוניאָן־ביכל, און גלעט עס צערטלעך...

דורך דעם גרויסן פענצטער פון ביבליאָטעק רייסט זיך אַריין אַ פּאַס ליכט און לייגט זיך אויס אויף די ווייכע שטולן, אויף דעם גרויסן פּאָליטורטן לייען־טיש, אויף די ציכטיקע ווענט מיט די אָנאָנסן וועגן פאַרוויילונגען, לעקציעס און קולטור־אונטערנעמונגען. „אַלץ פאַר די פרעסערס". ער פאַרגלייכט עס אין געדאַנק מיט די אַמאָ־ליקע יוניאָן־אָפיסעס אין קעלערן און אויף בוידעמס. שוואַרצע, פאַר־שמירטע ווענט, דער דיל פאַרוואָרפן מיט פּאַפּירלעך און שאָלעכץ. אין מיטן צימער אויף אַ קעסטל — אַ ייד מיט אַ שוואַרצן קאַשעק ביינגל פון וואָנען אַרבעטסלאָזע פרעסערס פלעגן ציען זייער נאַרונג.

מיט אַ מאַך פון דער האַנט האָט שוואַרץ פאַרטריבן פון זיך די שוואַרצע זכרונות פון אַמאָל. די „טעג" אָבער וואָס ער האָט אַמאָל אין דער ישיבה געגעסן זיינען אים געבליבן איינגעקריצט אין מוח. ווי זלידנע פליגן האָבן זיי זיך געדרייט און געזשומעט — טעג! טעג! — שוואַרץ האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט. „אייגנטלעך, לעב איך דאָך איצט אויך פון טעג, — האָט ער געטראַכט — „אָבער, וואָס פאַר אַ טעג — די בעסטע טעג פון מיין לעבן!"

נחת

„בלומע די אלמנה" האָט מען זי גערופן אין שאָפּ. כאָטש איר נאָמען איז געווען ראַבינס — אַ נאָמען וואָס איז זייער לייכט צו געדענקען. דער נאָמען האָט, הפּנים, געדאַרפט פאַרענטפערן איר צוריקגעהאַלטנקייט, איר טרויעריקע שטילקייט, בשעת די אַנדערע פינישערס פון שאַפּ האָבן זיך דערציילט די חכמות פון זייערע קינדער, מענער, צי גאָר אייניקלעך.

כאָטש בלומע אַרבעט שוין 15 יאָר אין דעם שאַפּ, פון דער צייט זינט איר מיידעלע גאָסי איז זעקס יאָר אַלט געוואָרן און אָנגעהויבן גיין אין סקול, פילט זי זיך אָבער נאָך אַלץ ניט היימיש געגנוג. זי באַטייליקט זיך קיין מאָל ניט אין די געשפּרעכן דאָרט, צי איז עס וועגן הויז־זאַכן, וועגן קאָכן, צי וועגן קליידונג.

זי פילט, אַז קיין סך האָט זי סיי־ווי־סיי ניט וואָס צוצוגעבן. מ'שטיינס געזאָגט, איר גאַרדעראָבע?

אַז עס בלייבט דאָך איר כמעט גאָר קיין צייט ניט פאַר דעם, שטשאָבעט אויף איר אַלטער מאַשין אין די זונטיקס, דאָ אַ קליידל פאַרן קינד, דאָ אַ בלוזקעלע. זייער זעלטן בלייבט איר צייט פאַר זיך.

אין די דריי צימערלעך אויפן פערטן גאָרן פאַרלאַנגען אויך אַ מענטשן. כאָטש קיינער קומט ניט אַריין, דאַרף מען אָבער זיי ריינינקן, זיך פאָרען.

בלומע איז שטאַרק פאַרנומען פון איר פאַרנומענקייט. עס בלייבט קיין צייט ניט צו טראַכטן. פון וואָס אַשטייגער קען זי טראַכטן? פון אירע צרות? ווי פיינט זי האָט האָס טראַכטן, דאָס גריבלען זיך!..

אַזוי זיינען זיך די יאָרן אַנטלאָפן. כמעט זיך דורכגעשאַרט דורך די פינגער מיט דער נאָדל־פאָדעם אין זיי. צווישן פאַרנומענקייט און מיחקייט איז דערווייל איר קינד אויסגעוואַקסן און גרויס געוואָרן.

שיין, געראָטן איז גאָסי אויסגעוואַקסן. אָבער צוריקגעצויגן, פונקט ווי די מאַמע. אָן פּרעטענזיעס, כמעט אָן פריינד.

און כאַטש גאָסי אַרבעט און העלפֿט אַרויס, איז איר מאַמעס האַרץ פֿול מיט שרעק. ווער ווייסט?

אָפּטער און אָפּטער פֿלעגט זי לעצטנס זיך דערמאָנען אין איר פֿאַרגאַנגענעם לעבן, און איצט איז אַזש אַ קעלט דורך איר לייב. די אַרבעט איז עפּעס ביי איר פֿון די הענט ניט געגאַנגען.

און גראָד איז „ביזי". מלחמה, עס פֿעלן אַרבעטער. מען רייסט פֿון די הענט, אָבער עס גייט ניט. אָפּטער מאַכט בלומע טעותן. דאָס געניי איז ניט דאָס. דער באַלעבאָס רעדט איר אויס. זי קוקט אים גלייך אין פּנים אַריין, אָבער זי הערט כמעט ניט וואָס ער רעדט. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט זיך אַוועק.

די פֿינישערס קוקן זיך איבער. עס קען מיינען אַלץ. ער, דער באַלעבאָס, וואָלט זי שוין לאַנג אַוועקגעשיקט. פֿעלן דאָך „הענט". און, צווייטנס, איז זי דאָך „בלומע די אַלמנה".

אין איין טאָג איז עס געשען. — „אַז עס איז באַשערט", הייבט בלומע אויף די אויגן צום הימל, — „זי האָט אַפֿילו ניט געוואַגט צו חלומען", — דערציילט זי שטיל, קוים וואָס מען הערט איר קול.

אַזוי ווי איר איבערפֿולטע פֿרייד זאָל חלילה ניט אַריבער־געגאַסן ווערן... אמת, דער חתן איז אַ סאָלדאַט, אָבער איר גאָסי, איר מיידעלע, איז אַ כּלה. און כאַטש בלומע האַלט זיך צוריק, קען מען אָבער איר פֿרייד פֿון איר פּנים אַראָפּלייענען. פֿון איר יעדער באַוועגונג, אַפֿילו פֿון די שטעך פֿון איר נאָדל, וועלכע טאַנצט איצט כמעט אין אירע פֿינגער.

און אירע ליפּן שעפּטשען דערביי: „אַזאַ הויכער און אַזוי שיין און ליטוויש". און ווי ער האָט דאָס זי ליב. ער קושט זי. אַפֿילו זי, די מאַמע, קושט ער אויך אַ מאָל, ווי גליקלעך זי איז. הייסט עס, זי האָט נאָך יאָ אַ ביסל מזל. אַט דינט ער ניט ווייט פֿון דער היים און ער קומט אָפֿט. יעדע פֿרייע שעה איז ער מיט זיי. די צימער־לעך זיינען גאָר שענער געוואָרן. עס שפּיגלט דאָ פֿון יעדן ווינקעלע. עפּעס אַזעלכע מעלות, זי האָט זיי פֿריער גאָר קיין מאָל ניט באַ־מערקט. אַ גאַנצן טאָג זון און לופֿט.

אָבער לאַנג וואָלטן דאָרט האָבן זיי ניט געקענט, דאָס פּאָרל האָט חתונה געהאַט. געקומען אַ שיין יינגעלע ווי אַ ליאַלקע. מען האָט זיך אַרומגעצויגן אויפֿן אונטערשטן גאָרן פֿאַר דעם קליי־נעם יינגלס וועגן.

כאָטש מען האָט דעם איידעם שוין לאַנג אָװעקגעשיקט ערגעץ װייט, איז איר דאָס האַרץ גרינג. זי פילט, זאָגט זי, אַז ער װעט, אם ירצה השם, אַהיימקומען געזונט.

די שכנים אין הויז, אין שאַפּ, האָבן עפּעס גאָר אַן אַנדערן רעספּעקט. מע רופט זי שוין מר״ס ראַבינס. מען פרעגט זי אַ מאָל אַן עצה. מען דערציילט איר אַ סוד. אַ מאָל לאַכט מען צוזאַמען. און יעדן שבת און זונטיק זיינען פול די צימערלעך פון מר״ס ראַבינס מיט קרובים פון איידעמס זייט.

בשעת די טאָכטער איז פאַרנומען מיט צוגרייטן כיבוד פאַר זיי, שטייען דערװייל די צװיי באָבעס ביים װיגעלע אין דרויסן און שפּאַרן זיך אויף אַ שטיפערישן אופן אין װעמען דאָס קינד איז גע־ראָטן? — אין טאַטן צי אין דער מאַמען?

גאָסי רופט זיי דורכן פענצטער און זיי הערן ניט. בלייבט זי שטיין אַ װייל, מיט אַ פריילעכן שמייכל אויף איר שיינעם פנים. דאָס איז זי שטאַרק צופרידן װאָס ענדלעך האָט איר מאַמע אויך דערלעבט אַ ביסל נחת.

אַ מלחמה־חתן

ווען די יונגע רייזל איז צוריק מיט צוואַנציק יאָר אָנגעקומען אַרבעטן אין דעם שאַפּ פון „ב. פּראַקס", האָט איר די גרויסקייט, דער פאַרנעם דאָרט דערשראָקן. די אַן אַ צאָל מיידלעך, זייער געפּיל־דער, דער רעש פון די מאַשינען, דאָס אַרומלויפן פון דעם פאָרמאַן שטענדיק אַ שרייענדיקער, האָבן ביי איר ווי אָוועקגענומען דאָס גלייכגעוויכט. כאָטש זי איז שוין האַן געווען אַ גוטע אָפּערייטאָרקע, איז עס עפּעס ניט געגאַנגען פון דער האַנט. זאָגן האָבן זיך ניט גע־פּאָרט און רייזל פלעגט דאַרפן ניט איין מאָל אָפּטרענען און נאָך אַמאָל צונויפניייען.

אָבער לאַנג האָט עס ניט גענומען און זי האָט זיך צוגעוואוינט צו דעם אַרום, צו די מענטשן, צום טומל אַפילו, און איז געוואָרן די בעסטע און איינע פון די שנעלסטע אין שאַפּ.

דאָס אַליין האָט איר געשאַפן דרך־ארץ סיי פון פאָרמאַן, סיי פון די בעל־מלאכות. און ווייל רייזל איז געווען דערצו אַ קלוגע און אַ שיינע, האָבן זי אַלע ליב באַקומען און זי איז מיט דער צייט גע־וואָרן דער מיטלפּונקט פון שאַפּ. רייזל האָט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך ביי יעדן איינעם. די מיידלעך האָבן איר פאַרטרויט זייערע אינטימסטע סודות. עס האָט זיך יעדן אויסגעדוכט, אַז רייזל פירט דאָס אינטערעסאַנטסטע לעבן, און זיי האָבן איר מקנא געווען.

יאָרן זיינען געלאָפן. מיידלעך האָבן חתונה געהאַט, שאַפּ־פאַרטיעס אָן אַ שיעור, ביי וועלכע רייזל איז געווען די הויפּט־מחותנתטע. זי האָט זיך געפּאָרעט אַרום די מאַשינעס מיט די בלומען, און בשעת דעם טרינקען לחיים און צו־ווינטשעווען דער כלה, האָט קיינער זיך אַזוי פיל ניט געקושט, ווי רייזל. זי פלעגט זיך צוטוליען און קושן זיך, בשעת פון אירע אויגן פלעגן רינען טרערן. פון „פרייד" האָט עס געהייסן.

ווער האָט דאָס געקענט וויסן, אַז אָט די שוואַרץ־חנוודיקע און אינטערעסאַנטע מיידל, וועמען מען איז מקנא פאַר איר קלוגשאַפט,

פֿאַר איר טאַקע, איז איינע פֿון די איינזאַמסטע באַשעפֿענישן אויף דער וועלט? ווער האָט דאָס געקענט וויסן, אַז די שטאָלצע פֿרוי, צו וועמען מענער ריידן מיטן גרעסטן דרך־ארץ, וואָס קיינער דערליבט זיך ניט קיין לייכטזיניקייט אין איר קעגנוואַרט, ליגט אָפּטמאָל אָפּ נעכט אַ וויינענדיקע אין בענקשאַפֿט נאָך אַ ביסל ליבע און צערטלעכקייט?

כאָטש רייזל האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע מענער, וואָס וואָלטן זיך געפֿילט גליקלעך צו זיין אירע באַגלייטער, האָבן זיי ניט געהאַט דעם מוט איר דאָס פֿאָרצולייגן. עפּעס האָט איר פּערזענלעכקייט ניט געגעבן קיין קוראַזש דערצו. די צונג איז ווי געליימט געוואָרן. און ווייטער ווי אַ האַנט־דרוק און אַ פֿריינדלעכן שמייכל איז עס ניט געקומען. רייזל האָט געוואוסט איר חסרון. זי פֿלעגט זיך טאַקע וואונדערן, וואָס עצות פֿאַר יענעם האָט זי געגעבן, און פֿאַר זיך איז זי אומבאַהאָלפֿן.

אַזוי זיינען אַוועק צוואַנציק יאָר. ווי זי פֿלעגט דאָס מקנא זיין די פּאָרלעך אין פּאַרק, אין די מוזייען, צי ביים ים. ווען זיי פֿלעגן זיך אַרומנעמען, פֿלעגט זי זיי באַטאַפּן מיט אירע שיינע און פֿייכטע אויגן.

יעדע צערטלעכקייט, יעדער בויג זייערער האָט אויפֿגעציטערט איר גאַנץ וועזן. און ווי זי פֿלעגט מקנא זיין די יונגע מאַמעס, וועמענס קינדערלעך פֿלעגן זיך וואַרעמען אַנטקעגן דער זון אין זייערע וויגעלעך, און די מאַמעס פֿלעגן זיצן רואיקע, אַזעלכע אויסגעבאָלעטע. פֿון זייערע אַרויסשטאַרצנדיקע רונדיקע גלידער פֿלעגט אַרויסזינגען די זאַטקייט און די צופֿרידנקייט. רייזלס פֿאַנטאַזיע פֿלעגט זיך צעשפּילן, און זי פֿלעגט מורמלען צו זיך: „זאַטקייט מיט אַלעם".

ביי יעדער געלעגנהייט פֿלעגט זי זיך אַ גלעט טאָן אַ קינד און אַ מוטערלעכער ציטער פֿלעגט דורכגיין איבער איר גאַנץ לייב.

און אָט איז געוואָרן מלחמה. דאָס פֿאָרן זיך איז געוואָרן גרינג. אָן אַ צאָל פֿאַרלאָבונגען, חתונות.

חתנים און מענער פֿאָרן אַוועק. אַ שטראָם פֿון בריוו קומען פֿון זיי. מע לייענט. נאָר רייזל קריגט ניט, לייענט ניט. דאָס חיות גייט איר אויס, זעענדיק ווי די כלות, די יונגע ווייבלעך שלינגען די ווערטער, די שורות פֿון די בריוו. ווי עס רויטלען זיך זייערע באַקן! ווי עס פֿינקלען זייערע אויגן, ווי זיי שמייכלען! און אפֿשר האָבט

זיך עס רייזלען אויכ? זי פילט זיך שטארק פארלאזן. און ניט איין מאל לויפט דורך א טרויעריקער געדאנק: „פארלירן איז איר וועלט".

און ענדלעך איז עס געשען. קיינער ווייס ניט ווי אזוי, נאר די ידיעה, אז רייזל איז א כלה געווארן האט אנגעמאכט אן איבער־קערעניש אין שאפ.

מען האט זיך געהאלדזט און געקושט. עס איז געווען אלעמענס פריידן. אזוינס האט דער שאפ נאך ניט געזען. אפילו דער פארמאן איז גאר מענטשלעכער געווארן. א שמייכלענדיקער האט ער זיך ארומגעדרייט מעשה מחותן. אזא האט אים נאך קיינער ניט געזען. און רייזל האט פשוט געשיינט. עפעס אן אנדער רייזל. נאר ווי די שכינה וואלט אויף אים גערוט.

און ווען אין קורצן איז אויך געמאכט געווארן א פארטי פאר איר, איז דאס געווען די פריילעכקייט אליין. אלע האבן געטאנצט און געשפרונגען. יעדער אין שאפ האט געפילט אלס זיין חוב רייזלען פריילעך צו מאכן. עפעס ווי די מענטשן וואלטן אויסגענוצט יארן־לאנג אנגעזאמלטע ענערגיע אין פרייד פאר זייער רייזלס וועגן.

עס זיינען שוין אוועק א סך חדשים. רייזלס מאן איז ערגעץ אין דער ארמיי. זי זיצט אין שאפ און נייט. דאכט זיך דער זעלבער פלאץ, די זעלביקע מאשין, אבער עס איז אנדערש. אלעס זינגט עפעס ארום איר. די מאשין נייט גאר אליין. די ארבעט גייט ווי גע־שמירט, טאקע נאר ווי מיט צענדליגער יארן צוריק.

יעדער מיטאג־שעה, ווען די מיידלעך עסן און לייענען נאך א מאל די בריוו פון זייערע מענער און חתנים, איז רייזל פון די ערשטע. מיט א פרומער מינע, ווי זי גרייט זיך צו עפעס א תפילה, וואשט זי זיך גוט אפ די הענט, נעמט ארויס איר בריוו מיט א ספעציעלן יראת־הכבוד, און א צופרידענער שמייכל צעשפרייט זיך איבער איר שווארץ־חנוודיקן פנים.

מע טאָר ניט זינדיקן

נאָך מיט צענדליגער יאָרן צוריק, דעמאָלט נאָך אַ קליין מיידעלע מיט שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן, האָט אסתר זיך שוין געזאונדערט וואָס עס מיינט „זינדיקן". אין איר זכרון האָט זיך איינגעקריצט יעדע פּאַסירונג פון איר אַמאָליקן יונגן, אָרעמען לעבן מיט אירע עלטערן אויף קלינטאָן סטריט. איר קלוג, יונג מוחל האָט נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט באַגרייפן אַלע אומרעכטן וואָס דאָס לעבן האָט אויסגעטיילט איר און אירע אייגענע מיט אַזאַ ברייטער האַנט.

יאָרן פלעגט זי טראַכטן און זיך גריבלען וועגן יעדן איינעם פון זיי, זיי פאַרגלייכן מיט שכנים, מיט באַקאַנטע וועמענס לאַגע איז אָפט ניט געווען קיין בעסערע ווי זייערע. אָבער איר סענסיטיוויטעט, אירע שאַרפע אויגן האָבן אַלע מאָל געפונען עפּעס אַזוינס וואָס עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט בעסער, אָדער שענער ווי זייערס.

צי עס איז נאָר געווען אַ שטיקל באַנד אין מיידעלעס האָר, ביי וועמען אַ נייער העפט אין שול, צי אפילו אַ פּאָר נייע שיך־בענדלעך ביי אַ שכן. אויף יעדער זאַך האָט זי געפונען אַ פראַגע פאַרוואָס?

און שטענדיק איז דער ענטפער געווען פון איר מוטער: „מע טאָר ניט זינדיקן" און אסתרלען האָט געפּלאָגט דער געדאַנק: „אויב ניט זינדיקן פאַרוואָס זשע וויינט די מאַמע אַזוי פיל?

און איר מאַמע האָט כמעט שטענדיק געוויינט. שטענדיק זיינען ביי איר געווען רויטע אויגן. שטענדיק האָט דאָרט געגלאַנצט אַ טרער. און אסתרלען האָט זיך אָפט אויסגעדאַכט אַז איר מאַמע, וועמען זי האָט אַזוי ליב געהאַט און פאַרגעטערט, איז גאָר שענער מיט יענע נשמהדיקע דימענטן אין אירע אויגן.

די מאַמע פרומע, האָט כמעט שטענדיק עפּעס „געזאָגט". צי עס איז געווען אַ ברכה, צי אַזוי געדאַוונט, צי גאָר אַריינגעקוקט אין אַ ספר, — שטענדיק האָט איר באַגלייט אַ טרער. ספּעציעל די פרייטאָג צו נאַכטסן, — זי האָט קיין מאָל ניט געקענט פאַרגעסן, איר מאַמעס ליכט־בענטשן.

לאַנג פלעגט די מאַמע שטיין פאַר די ליכט, מיט אירע הענט פאַרשטעלט דעם פּנים און פאַוואָליע זיך שאָקלען, בשעת די טרערן פלעגן פריי רינען אויף איר פּנים ווי צוויי ריטשקעלעך.

ווען די מוטער פלעגט פאַרענדיקן ליכט־בענטשן, פלעגט זי איר אַרומנעמען, און ווי צו פאַרענטפערן זיך, איר אַריינמורמלען אין אויער: — „מע טאָר ניט זינדיקן, מע טאָר ניט".

יאָרן, אַ סך יאָרן זיינען אַוועק. אסתר האָט חתונה געהאַט. אַ פיינער מאַן, וואוילע דריי קינדער. צייטן פאַרשיידענע געהאַט.

אַ סך פראַגעס זיינען איר פאַרענטפערט געוואָרן, — אַ סך ניט. אָבער איר מאַמעס וואָרענונג ניט צו זינדיקן האָבן זי באַגלייט אויף איר גאַנצן וועג. זי האָט געפרוואווט איר פאָלגן, אָבער ניט אַלע מאָל איז איר דאָס געלונגען. ניט אַלע מאָל האָט זיך עס איינגעגעבן.

ספּעציעל זינט איר יינגסטער זון, איר מעקסעלע, איז געבוירן געוואָרן.

די צייט איז געווען אַ שלעכטע. אין דער פאַבריק וואו איר מאַן האָט געאַרבעט, האָט מען קיין מאָל ניט פאַרדינט צו פיל, איצט איז די לאַגע געוואָרן גאָר ערגער. און כאָטש איר מאַן האָט ניט גע־זשאַלעוועט קיין מי און איז געווען גרייט זיך צו פּלייסן, איז אים ניט געלונגען אויסצואַרבעטן אויף דער הוצאה. עס האָט ניט געהאָלפן אַפילו אסתרס בריהשאַפט, איר „שניידן זיך די פינגער". אַלץ אָפטער און אָפטער האָבן זאַכן אויסגעפעלט. זאַכן אָן וועלכע מען קען זיך ניט באַגיין. און ניט ווילנדיק האָט זי געזינדיקט. אָפט און אָפטער פלעגט זי זינדיקן אין די געדאַנקען, טיילמאָל אַפילו מיט אַ קללה, גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין. אַ פּראָטעסט אויף איר פינצטער מזל. ספּעציעל האָט איר פאַרדראָסן אויף איר מיזיניקל, אויף איר מעקסעלען, וועמעס מזל איז געווען אַזוי קליין, אַז צייט ער איז גע־בוירן געוואָרן האָט ער נאָך קיין גוטן טאָג ניט געהאַט.

זי האָט אַפילו קיין ניי העמדעלע ניט געקענט קויפן פאַר אים. זי האָט אים אויפגעבראַכט אין אירע קינדערס אַלטע זאַכעלעך. אין זייערע וועגעלעך, אין זייערע קליידעלעך, אין זייערע ווינדעלעך אַפילו.

און אַזוי זיינען זיינע יאָרן געלאָפן אין יענעמס שמאַטעס, — און אַט איז ער 18 יאָר געוואָרן.

מעקס איז אַוועק אין דער אַרמיי. ערגעץ וויט איבער ימען

האָט זיך געטראָגן זיין יונג געביין און דורכגעטראָגן אַלע זעלנערישע איבערלעבענישן, וואָס פאַלן מערסטע יונגע לייט אַזוי שרעקלעך שווער די ערשטע צייט, אָבער ניט איר מעקסן. ערשטנס דערפאַר וואָס כאָטש שווער, איז עס געווען אַ מע״ז זיכערער לעבן. איבערהויפּט וואָס דאָ האָט ער געהאַט די געלעגנהייט דורך בריוו דער מאַמען אַרויסצואווייזן די ליבע וואָס ער האָט פאַר יאָרן און יאָרן געוואַרעמט אין זיין האַרצן פאַר איר.

עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט וועלן פאַרגיטיקן איר פאַר די אַלע ליידן וואָס זי האָט געהאַט דורך אים אַלע יאָרן. זייענדיק דערצו אַ שטיקל טרוימער האָט ער זיין פּאָעטיש האַרץ אויסגעגאָסן אין זיינע לאַנגע, אָבער האַרציקע בריוו.

און כאָטש די אַנדערע קינדער זיינען אויך געווען ווייט אַוועק, און מיט זייער שרייבן האָט זי זיך זיכער געפרייט, איז אָבער זיינס אַ בריוו אַלע מאָל געווען אַ יום־טוב, אַן אַפּטער יום־טוב.

מיט פּרנסה איז געווען דאָס הויז פאַרזאָרגט. ספּעציעל דורך די קינדערס סאָלדאַטסקע געלט, וואָס האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן, און אסתרן איז געווען אַ סך גרינגער ווי אַמאָל. איר מאַמעס האַרץ האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר זיי דאָרט, אָבער אַמשטאַרקסטן האָט זי זיך געשראָקן פאַר מעקסן.

עפּעס אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז עפּעס שרעקלעכס וועט מיט אים געשען. „עס קען דאָך גאָר אַנדערש ניט זיין" — פלעגט זי זינדיקן אין איר געדאַנק און טראַכטן, אַז די וועלט וואָס האָט אים אַזוי שלעכט באַהאַנדלט זייט זיין געבוירן־טאָג וועט אים זיכער אַזוי גלאַטיק ניט אַדורכלאָזן.

איר מאַמע־האַרץ פלעגט איר אַזוי שטאַרק פאַרקלעמען ביי אַזעלכע געדאַנקען, אַז די טרערן פלעגן אַפּט רינען, ווי ביי איר מאַמען אַמאָל ביי ליכט־בענטשן. און זי פלעגט זי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערלייענען זיינע הייסע ליבע־בריוו.

און איין מאָל האָט אסתר געקראָגן אַ בריוו אַז ער מעקס איז פאַרוואונדעט געוואָרן. און, מערקווירדיק, זי האָט זיך דערפרייט, פּשוט געדאַנקט גאָט, ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס ערגערס, און געהאַלטן אין איין איבערחזרן: — „בעסער ווי יענע טעלעגראַמע".

איי ווי זי האָט זיך געשראָקן פאַר „יענער" טעלעגראַמע. און ווי זי פלעגט דאָס טראַכטן פון דעם. ווי אַ וואָרעם האָט דער געדאַנק

געעגבערט דעם מוח סיי טאָג און סיי נאַכט. וויפל לאַנגע, נאָגנדיקע, שלאָפלאָזע נעכט! נעכט פול מיט צער מיט מורא. דאָך האָט זיך אסתר צוגעוווינט צו די צרות. צוגעוווינט אַפילו צו דערוואַרטונגען...

אָבער די לעצטע בריוו זיינע זיינען איר ניט געפעלן. אַט די בריוו פון שפּיטאָל האָבן זי באַאומרואיקט.

זי איז שוין פון לאַנג צוגעוווינט געווען צו זיין צערטלעכקייט אין זיין שרייבן, אָבער צו אַזאַ אויסברוך פון ליבע און געטריישאַפט, ווי ער האָט דאָס אַרויסגעוויזן אין זיינע לעצטע בריוו האָט זי זיך ניט גערעכט. עס האָט זי פּשוט איבערוועלטיקט, און נאָך מער געשראָקן.

עפּעס האָט דאָס האַרץ איר געזאָגט אַז זייער שרעקלעכעס האָט פּאַסירט מיט אים. און זי האָט זיך פּונקט ווי פריער אָנגעהויבן גרייטן דערצו. אמת, דאָס מאָל איז עס איר ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. איר פאַרשטעלונגס־קראַפט האָט געאַרבעט מעשים, און ניט איין מאָל ווי פּאַראַליזירט אירע געדאַנקען.

דאָס איז געווען איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט. אסתר איז געזעסן אַ פאַרוויקלטע, ווי אַ מאַטעק, אין געדאַנקען... עפּעס האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז זי האָט געהערט אַ באַקאַנט קלאַפּן... אָבער פּלוצלונג איז ליכטיק געוואָרן און פאַר איר איז געשטאַנען מעקס. מעקס מיט איין פוס און צוויי נייע קוליעס...

איר איבערראַשונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז פון איר האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קוויטש, ווי ביי אַ פאַרוואונדעטע חיה...

און געדאַנק איז איר דורכגעלאָפן: מע טאָר ניט זינדיקן.